STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02182

BIREBIDZSHANISH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בירעבידזשאַניש

(קליינע אַנטאָלאָגיע וועגן דער
יידישער אַווטאָנאָמער געגנט)

ווילנע — 1935

דרוקעריי פון ג. קלעצקין

צונויפגעשטעלט און רעדאַקטירט: ד. זאַלבעפּערט.

ביבליאָגראַפיע: י. אַנילאָוויטש.

מאַפּע געצייכנט: ס. קאַדושין.

Birebidżanisz. Antologja.
Red.-Wyd. L. Stryłowski, Wilno.

Zakłady Graficzne inż. G. Kleckina, Wilno.

פאָרוואָרט

אַלע ווייסן שוין וועגן דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס הייסט בירעבידושאַן. ס׳איז אָבער וויכטיק און אינטערעסאַנט צו דערוויסן זיך גענויער — ווי אַזוי איז דאָס געקומען צו בירעבידושאַן, וואָס איז דער זין פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט און וואָס איז דאָס פאַר אַ לאַנד.

אָט אויף די פראַגעס פרווון מיר געבן אַן ענטפער דורך אַן אַנטאָלאָגיע — אין ברייטערן זין פון וואָרט — פון דאָקומענטן, באַריכטן, אויסצוגן פון דער פובליציסטיק און ליטעראַרישע ווערק.

עמעס, ניט אַלץ וואָס מיר האָבן זיך אָנגעמערקט איז אַריין אין דעם ביכל. דער איבערפלוס פון מאַטעריאַל האָט אונז געצוואונגען אים שטאַרק צו קירצן און אַ טייל — די שטימען פון די קעגנער, לעמאָשל — אינגאַנצן אויסנ־לאָזן. דער פאַראַנענער מאַטעריאַל וועגן בירעבידושאַן איז אַזוי גרויס, אַז עס וואָלט געדאַרפט זיין אַ בוך פון הונדער־טער זייטן און ביי אונזערע באַדינגונגען קען מען וועגן

אַרויסגעבן אַזאַ בוך ניט טראַכטן. מיר גלייבן אָבער, אַז אַפילע אין אַ שטאַרק געקירצטער פאָרם איז אַזאַ ביכל נייטיק און קען ברענגען נוצן.

עפשער וועט זיך געפינען עמעצער וואָס וועט מאַכן אַ ג ר ו י ס ע אַרבעט וועגן בירעבידזשאַן, וועט אונז פרייען, אויב אונזער קליין ביכעלע וועט זיין אַ צושטייער פאַר דעם קומעדיקן גרויסן בוך.

ד י צ ו נ ו י פ ש ט ע ל ע ר.

אַלץ העכער, העכער און העכער

אַ ביסל געשיכטע

די יידנפראַגע אין ראַטנפאַרבאַנד איז ניט קיין בלויז
יידישער איניען. ס'איז אַן איניען פון דער סאָוועטישער רעגי=
רונג. צוויי וועגן האָט זיך די ראַטנרעגירונג אָנגעמערקט אויף
צו ליקווידירן די נויט פון די יידישע מאַסן: אַריינציען די
יידן אין דער אינדוסטריע און באַזעצן זיי אויף ערד. די
ערשטע פרווון פון קאָלאָניזאַציע נאָך דער רעוואָלוציע
זיינען געמאַכט געוואָרן אין 1918 אין ווייסרוסלאַנד. זיי
זיינען אָבער געווען אָן אַ געוויסע פּלאַן. דער פאָלקס=
קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַליטעטן=ענינים מיט סטאַלינען
בעראָש האָט אָרגאַניזירט אַ באַזונדערן צענטראַלן יידישן
קאָמיסאַריאַט מיט ש. דימאַנשטיינען אַלס אָנפירער. אין
1919 האָט די יידישע קאָלאָניזאַציע זיך שטאַרק אַנטוויקלט
אויף אוקראַינע און אין ווייסרוסלאַנד. צוליב די אינטער=
ווענץ=מילכאָמעס און פאָגראָמען פון די ווייסגוואַרדייער זיינען
קימאַט אַלע קאָלאָניעס אונטערגעגאַנגען. דעם 11טן מאַי
1919 האָט דער צ"ק פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער
פּאַרטיי נאָך דימאַנשטיינס רעפעראַט אָנגענומען אַ באַשלוס
צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידישע מאַסן אין די
מיירעוו=געגנטן דורך באַזעצן זיי אויף ערד און אָנהייבן
אַ ענערגישן קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם. יוני 1919 האָט די

צווייטע קאָנפערענץ פון די יידסעקציעס (און יולי 1919 — דער קאָלעגיום פון פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר לאַנדווירטשאַפט) באַופטראָגט דעם צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַליטעטן=איניאָנים צו שטיצן די יידישע קאָלאָניזאַציע דורך גרינדן יידישע קאָמונעס און לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפעראַציון. עס איז דאַן אַרויסגעלאָזט געוואָרן פאָלגנדיקער אויפרוף:

„אין דער פרייער סאָציאַליסטישער ראַטנרעפובליק איז דאָ גענוג ערד פאַר אַלעמען, ווער עס וויל נאָר ערנסטלעך זיך פאַרנעמען מיט פראָדוקטיווער אַרבעט. טרעט אַריין אין די רייען פון אַרבעטנדיקן פאָלק! די ראַטנמאַכט וועט אייך קומען צו הילף! אָרגאַניזירט ערד=קאָלעקטיוון! מיר וועלן אָנווענדן אַלע מיטלען, קעדיי צו באַזייטיקן אַלץ, וואָס שטערט דעם איבערגאַנג פון די יידישע מאַסן צו ערדאַרבעט!"

אין סעפטעמבער 1921 איז אַרויס אַ צירקולאַר וועגן דעם זעלבן איניען. 1921 האָט אויך באַנייט איר טעטיקייט די געזעלשאַפט „אָרט". 1923 איז אויף דער ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג פון ראַטנפאַרבאַנד שוין געווען אַ יידישער פאַוויליאָן, וואָס האָט פאָרגעשטעלט די ערשטע רעזולטאַטן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. 1924 האָט דער דראַנג נאָך ערד אָנגענומען אַזאַ פאַרנעם, אַז דער צענטראַלער אויספיר=קאָמיטעט פון ווייסרוסלאַנד האָט דעם 25סטן יולי אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן ס י ס ט ע מ אַ ט י ש ע ר קאָלאָניזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אויפן זעלביקן אויפן ווי פון דער ניט=יידישער. פיר טעג שפּעטער האָט אַן ענלעכן באַשלוס אָנגענומען דער פּרעזידיום פון אַלאוקראַאינישן צא"ק. און ענדלעך דעם 29סטן אַווגוסט 1924

האָט דער אַלפאַרבאַנדישער צא״ק באַשלאָסן צו גרינדן ביים פרעזידיום פון נאַציאָנאַליטעטן־ראַט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע מיט דער אויפגאַבע צו באַזעצן יידן אויף ערד. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז אָנגערופן געוואָרן „קאָמיטעט פאַר באַזעצן אויף ערד אַרבעטנדיקע יידן ביים נאַציאָנאַליטעטן־ראַט פון צא״ק פון פסס״ר". פאַרקירצט: „קאָמזעט" (אין יידיש: קאָמערד). אַלס פאָרזיצער פון „קאָמערד" איז נאָמינירט געוואָרן דער מיטגליד פון פרעזידיום פון אַל־רוסלענדישן ציק פ. ג. סמידאָוויטש. זיין פאַרטרעטער: א. פ. סמירנאָוו, דעמאָלטיקער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר לאַנדווירטשאַפט. דער צענטראַלער „קאָמערד" באַזיצט אָפטיילונגען ביי די רעגירונגען פון אַלע פאַרבאַנדישע רעפובליקן, אַווטאָנאָמע רעפובליקן, געגנטן און טעריטאָריעס.

פון 1924 האָט זיך די ראַטנרעגירונג ניט איינמאָל פאַרנומען מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע, דערהויפט אין אוקראַינע און קרים. אין די יאָרן 1925 — 1926 האָט זיך וועגן דעם איניען עטלעכע מאָל אַרויסגעזאָגט דער פאָרזיצער פון אַלפאַרבאַנדישן צא״ק, קאַלינין. אין 1927 — 1928 האָבן זיך די צענטראַלע אינסטאַנצן ביים רעגולירן דאָס וואַלרעכט ווידעראַמאָל פאַרנומען מיט דער פראַגע פון אַריינציען די קליינשטעטלדיקע יידישע באַפעלקערונג אין דער אַלגעמיינער פראָדוקציע.

אין רעזולטאַט פון דער פלאַנמעסיק דורכגעפירטער קאָלאָניזאַציע זיינען אין אוקראַינע און קרים געשאַפן געוואָרן פיר יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען: דריי אין אוקראַינע און איינער אין קרים.

אין 1927 איז אין אוקראַינע געשאַפן געוואָרן דער ערשטער יידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן, ק א ל י נ י נ ד אָ ר ף.

אין 1929 — אַ צווייטער ראַיאָן, ניי-זלאַטאָפּאָל. דער דריטער, סטאַלינדאָרף, איז געשאַפן געוואָרן אין 1930.

דער נאַציאָנאַלער יידישער ראַיאָן אין קרים הייסט פרײדאָרף. דער ראַיאָן איז געשאַפן געוואָרן אין 1931.

אַ גרויסע קאָלאָניזאַציע-אַרבעט איז אויך אָפּגעטאָן געוואָרן אין ווײַסרוסלאַנד.

אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד זיינען שוין איצט דאָ מער פון דריי הונדערט טויזנט יידישע פויערים (אין 1923 — 75.000). אָבער די גרויסע אַרבעט פון אַקטיוויזירן די יידישע מאַסן סאָציאַל-עקאָנאָמיש און קולטורעל פאַר דער סאָציאַליסטישער בויאונג גייט ווייטער.

נאָך אין 1926 אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון „געזערד" האָט קאַלינין אָנגעוויזן, אַז אין העסקעם מיט דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער סאָוועטישער רעגירונג דאַרף די יידישע ערד-איינאָרדענונג זיך פאַרענדיקן מיט אַן אויטאָנאָמען יידישן איינס, וואָס זאָל שאַפן די בעסטע מיגלעכקייטן פאַר דער קולטורעלער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן. אַזוי ווי אין אוקראַינע און קרים זיינען ניט געווען קיין פרייע דורכויסיקע ערד-מאַסיוון פאַר אַזאַ קאָלאָניזאַציע, האָט דער „קאָמערד" אָרגאַניזירט אַ ריי עקספּעדיציעס אויסצופאָרשן די מיגלעכקייטן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. די עקספּעדיציעס אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפ. ב. ל. ברוק און פּראָפ' ווילאַמס (1927) פון דער מאָסקווער טימיריאַזעוו-אַקאַדעמיע האָבן געפאָרשט דעם ראַיאָן בירעבידזשאַן אין ווייטן מיזרעך און לויט די באַריכטן פון די עקספּעדיציעס און אַנדערע מאַטעריאַלן איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז בירעבידזשאַן איז מער פון אַלע

אַנדערע אויסגעפֿאָרשטע ערטער צוגעפּאַסט פֿאַר אַ קאָנ־צענטרירטער יידישער קאָלאָניזאַציע.

דעם 28סטן מערץ 1928 האָט דער פּרעזידיום פֿון צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן באַשטימען בּירעבּידזשאַן פֿאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע מיט דער פּערספּעקטיווע צו שאַפֿן דאָרט אַ יידישן אַדמיני־סטראַטיוון נאַציאָנאַלן איינס. נאָך אַ ריי באַשלוסן פֿון דעצעמבּער 1928, יאַנואַר 1929 וועגן יידישער קאָלאָניזאַציע בּיכלאַל, סוף 1931 און אָנהייב 1932 ספּעציעל וועגן בּירע־בּידזשאַן, איז דעם 7טן מאַי 1934 געקומען די היסטאָרישע באַשטימונג פֿון דער ראַטנרעגירונג צו פֿאַרוואַנדלען דעם בּירעבּידזשאַנער ראַיאָן אין אַ יידישער אַווטאָנאָמער געגנט.

(לויט אָטאָ העלער: „דער אונטערגאַנג דעס יודענ־טומס", פּוילישע אויסגאַבע, וואַרשע 1934 און אַנד' קוועלן).

דאָקומענטן און באַריכטן

פרעזידיום פון אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן אויס-פיר-קאָמיטעט באַשטימט בירעבידזשאַן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע

1. פאַרפעסטיקן פאַרן „קאָמערד" אויף די נויטן פון דורכוויסיקן באַזעצן מיט יידן—האָרעפאַשניקעס די פרייע ערדן אין בייאַמורער פאַס פון ווייטמיזרעכדיקן קאַנט, וועלכע נעמען אַריין אין זיך דעם בירעבידזשאַנער ראַיאָן אין פאָלגנדיקע בעערעכדיקע גרענעצן: מיטן טייך אַמור מײַרעוו-צו פון דער שטאָט כאַבאַראָווסק ביז דעם מויל פון טייך כינגאַן און מיטן טייך כינגאַן ביז דער אייזנבאַן-ליניע. ווייטער, צאָפן-צו פון אייזנבאַן-פאַס צו מיזרעך ביזן טייך אורמע און מיט די טייכן אורמע און טונגוסקע, און אויף מיזרעך אויף דער ליניע מײַרעוו-צו פון דער שטאָט כאַבאַראָווסק.

2. אויפן אָנגעוויזענעם שטעך אויסשליסן די שעטעכן ערד-באַנוץ פון דער אַלט-געזעסענער און קאָזאַקישער באַפעלקערונג, ווי אויך די ערד-כאַלאָקים, וואָס זיינען פאַרנומען מיט איבערוואַנדערער אָדער וואָס זיינען פאַררעכנט פאַר זיי ביזן סאָף פון געזעצלעכן טערמין. די פלעצער, וואָס באַפרייען זיך אין רעזולטאַט פון דער ערד-איינאָרדענונג פון דער פאַראַנענער באַפעלקערונג אָדער דערפאַר, וואָס עס ענדיקט זיך דער געזעצלעכער טערמין פאַר די פערזאָ-

נען, וואָס האָבן פאַר זיך פאַרפעסטיקט ערד=נאַכלעס, נאָר וואָס פאַרנעמען זיי ניט, אויך איבערגעבן אויף די נויטן איינצוואָרדענען אויף ערד די אַרבעטנדיקע יידן.

3. די פרייע ערד=טיילן, וואָס דער אַלפאַרבאַנדישער איבערוואַנדערונגס=קאָמיטעט האָט צוגעגרייט אין די ראַמען פון ראַיאָן, וואָס איז אָנגעוויזן אין פ׳ 1, איבערגעבן אויף די אָנגעוויזענע צילן פון 1928 יאָר, און צוליבדעם אויפהערן ווייטער צו פאַררעכענען ניט לויט די אַרדערס פון „קאָמערד" ערד=כאַלאָקים אין בירעבידושאַנער ראַיאָן.

4. דאָס פעסטשטעלן די פינקטלעכע גרענעצן פון ראַיאָן, וואָס איז באַשריבן אין פ׳ 1, איבערגעבן אויפן אָרט דער קאַנטישער ערד=פאַרוואַלטונג, דער ראַיאָנער איבערוואַנדערונג=פאַרוואַלטונג און דעם „קאָמערד", וואָס די רעזולטאַטן פון זייער אַרבעט דאַרפן צוזאַמען מיט אַלע מאַטעריאַלן צוגעשטעלט ווערן אויף באַשטעטיקונג אין דעם אַלפאַרבאַנדישן איבערוואַנדערונגס=קאָמיטעט נאָך דעם, ווי זיי וועלן באַטראַכט ווערן דורכן ווייטמיזרעכדיקן קאַנט=אויספירקאָם מיט דער מיינונג פון פאָלקאָמערד פון רספס"ר.

5. ביי גינסטיקע רעזולטאַטן פון דורכוויסיקן באַזעצן דעם אָנגעוויזענעם (אין פ׳ 1) ראַיאָן מיט אַרבעטנדיקע האָבן אין אויג די מיגלעכקייט צו בילדן אויף דער טעריטאָריע פון אָנגעוויזענעם ראַיאָן אַ יידישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו=טעריטאָריעלן איינס.

סעקרעטאַר פון צא"ק פון פסס"ר

אַ. יענוקידזע.

מאָסקווע, 28 מערץ 1928.

בירעבידזשאַן — אַן אַדמיניסטראַטיווער ראַיאָן

מאָסקווע. 16טער אַווגוסט 1930. דער פּרעזידיום פון אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אויסצובילדן אין באַשטאַנד פון ווייטמיזרעכדיקן קאַנט אַ בירעבידזשאַנער ראַיאָן, אין וועלכן עס גייען אַריין: דער יעקאַטערינאָ־ניקאָלסקער און מיכאַילאָ־סעמיאָנאָווסקער ראַיאָנען אין גאַנצן און טיילן פון בינגאַנאָ־אַרכאַרינסקער און נעקראַסאָווער ראַיאָנען.

דער צענטער פון ראַיאָן וועט זיך געפינען אין טיכאָנקע.

דער ערשטער ראַיאָניקער ראַטן־צוזאַמענפאָר

טיכאָנקע. 1טער אָקטאָבער 1930. דעם 30סטן סעפּטעמבער האָט זיך געעפנט דער ערשטער בירעבידזשאַנער ראַיאָנער ראַטן־צוזאַמענפאָר. דעם צוזאַמענפאָר האָט אין נאָמען פון דער אָרגביוראָ פון ראַיאויספירקאָם געעפנט גענדלין.

אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער באַדייטונג פון דער היסטאָרישער באַשטימונג פון אַלרוסלענדישן צאַ"ק וועגן שאַפן אַ זעלבשטענדיקן בירעבידזשאַנער ראַיאָן, האָט גענדלין אָנגעמערקט די וועגן ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען דעם ווייניק באַפעלקערטן טײַגע־בירעבידזשאַן אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, וואו צענדליגער טויזנטער יידישע אַרבעטנדיקע זאָלן זיך באַטייליקן אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג, אַרבעטנדיק אין די פאַבריקן, אין די ראַטווירטן און קאָלווירטן.

אין ערן־פּרעזידיום פון צוזאַמענפאָר זיינען אויסגע־קליבן געוואָרן סטאַלין, קאַלינין, סמידאָוויטש, בליובער און אַנדערע.

מיט באַגריסונגען זיינען אַרויסגעטראָטן פאָרשטייער פון די קאָלווירטן וואַלדהיים, בירעפעלד און „איקאָר״, פון דער גרענעץ־וואַך, פון די קאָרעער, פון די כינעזער, פון די קוסטאַרן פון טיכאָנקע און ביראַקאַן, פון די אַייזנבאַנער, פון וויטמיזרעכדיקן קאָמערד, פון דער אוקראַינישער קאָמונע „טיכאָקעאַנסקי אָקטיאַבר״, פון די ספּעציאַליסטן אַאַז״ו.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַקומען באַגריסונגס־טע־לעגראַמעס פון „קאָמערד״, פון „געזערד״, פון „עמעס״, פון ניו־יאָרקער „איקאָר״, פון דער כאַרבינער געזעלשאַפט „פריינד פון געזערד״ און אַנדערע.

טיכאָנקע. 6טער אָקטאָבער 1930. עס האָט זיך פאַרענדיקט דער בירעבידזשאַנער ראַטן־צוזאַמענפאָר. אין ראַיאָויספּירקאָם זיינען אויסגעקליבן געוואָרן גריגאָריעוו, לעווין, יושקין, פלוטענקאָ, סטאָלאָוו, לוקיאַנאָוו, בראַגינסקי, קורנאָסאָוו, פרידמאַן, אין, דאָמאָגאַנסקי, מאָליוטשען, אָפּליאַ־טאָ, בוראַקאָווסקי, סלינקאָ, פינקעלשטיין, מאַסלאָוו, פּרוסע־לאָסענקאָ, מאַריאַסין, פייקין, פריזקין, דאַנילאָווע, באָראָדאַ, באַן, קאַראַסיק, פאַך, סאַפּאָזשניקאָוו און 11 קאַנדידאַטן.

אויפן צוזאַמענפאָר זיינען געווען 141 דעלעגאַטן מיט שטימרעכט.

באַגריסונגס־דעפּעשע פון אויספיר־קאָמיטעט פון ווייטמיזרעכדיקן קאַנט

צום IIטן געזערד־צוזאַמענפאָר, דעצעמבער 1930:

„דער פּרעזידיום פון אויספיר־קאָמיטעט פון ווייטן־מיזרעך־קאַנט באַגריסט דעם אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון „געזערד" און דריקט אויס די האָפענונג, אַז ער וועט פּרוכטבאַר לייזן די פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער יידישער אָרעמשאַפט. דער פּרעזידיום איז איבערצייגט, אַז דער אויפטו פון קאָלאָניזירן בירעבידזשאַן וועט דערצו מיט־ווירקן אין אַ גרויסער מאָס, האָפט, אַז אויפן צוזאַמענפאָר וועט די דאָזיקע פראַגע פאַרנעמען דעם דאָמינירנדיקן אָרט, און ערקלערט, אַז אַ געשטייגערטער צופלוס פון יידישער אָרעמקייט קיין בירעבידזשאַן גאַראַנטירט אַ שאַפעק שנעלערע עקספּלואַטאַציע פון זיינע נאַטירלעכע רייכטימער און איר אריינציאונג אין דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט".

ווייסרוסלאַנד — שעף איבער בירעבידזשאַן

מינסק, 15טער אַוגוסט 1931. אין דער „באַשטימונג פון פּרעזידיום צאַ"ק ווסס"ר וועגן די קאָנקרעטע מאָסמיטלען צו פאַרווירקלעכן דאָס שעפטום איבער בירעבידזשאַן" ווערט געזאָגט:

דאָס שעפטום פון דער ווייסרוסישער סאָציאַליסטישער סאָוועטישער רעפּובליק שטעלט זיך פאַר אַ ציל מיטצו־העלפן דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג פון בירעבידזשאַן,

ווי אַ ראַיאָן, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן דורכן פרעזידיום צאַ״ק פסס״ר אויף באַזעצן מיט אַרבעטנדיקע יידן.

דאַן קומען פינף פונקטן וואו עס ווערט גענוי אַרומגערעדט ווי אַזוי צו העכערן די טעמפן פון דער הילפס-אַרבעט און באַזאָרגן די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט און קולטור-בויאונג פון בירעבידושאַן מיט אַרבעטס-קראַפט, אָרגאַניזאַציע און ספעציאַליסטן.

וועגן אַ יידישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו-טעריטאָריעלן איינס אין בירעבידזשאַן

באַשלוס פון פרעזידיום פון אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט

(אויסצוג פון פראָטאָקאָל פון 30סטן סעפטעמבער 1931 יאָר)

1. פאָרלייגן דעם מעלוכע-פלאַן פון רספס״ר און דעם ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט-אויספירקאָם, צוציענדיק דעם „קאָמערד״, טייקעף זיך נעמען פונאַנדעראַרבעטן און צושטעלן ניט שפעטער ווי אין נאָוועמבער ד״י די קאָנטראָל-ציפערן פאַר אַלע צווײַגן פון ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויאונג אין בירעבידושאַנער ראַיאָן אויף די יאָרן 1932 און 1933, אָריענטירנדיק זיך, אַז צו ענדע 1933 זאָל אין די גרענעצן פון בירעבידושאַנער ראַיאָן זיך אויסבילדן אַ יידישער אַווטאָנאָמער אַדמיניסטראַטיוו-טעריטאָריעלער איינס אין באַשטאַנד פון ווייטמיזרעכדיקן קאַנט.

סעקרעטאַר פון אַצאַ״ק

א. קיסעליעוו.

פאַרגיכערן די טעמפּן פון דער בויאונג

דער פּרעזידיום פון צענטראַלן פאַרבאַנדישן אויספיר־קאָמיטעט וועגן דער אַרבעט און די נאָענטסטע אויפגאַבן פון „קאָמערד"

מאָסקווע, 7טער אַפּריל 1932. דער פּרעזידיום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פסס"ר אונטער מ. אי. קאַלינינס פאָרזיץ האָט אָנגענומען אַ באַשטימונג וועגן דער אַרבעט און די נאָענטסטע אויפגאַבן פון „קאָמערד".

קעדיי אויסצופילן די באַשטימונג פון פּרעזידיום פון פאַרבאַנדישן צא"ק וועגן שאַפן אין באַשטאַנד פון דעם ווייטמיזרעכדיקן קאַנט אַ נאַציאָנאַלן אַווטאָנאָמען יידישן איינס... לייגט פאָר דער פּרעזידיום פון פאַרבאַנדישן צא"ק דעם צענטראַלן „קאָמערד", ער זאָל אין זיין ווייטערדיקער אַרבעט האַלטן פאַר זיין וויכטיקסטער און באַזונדערער שלאָג־אויפגאַבע מיטצווירקן דעם מיגלעך שנעלערן ווירטשאַפטלעכן באַהערשן בירעבידזשאַן און פאַרגיכערן די טעמפּן פון דער ווירטשאַפטלעכער, ראַטווירטישער און קאָלווירטישער בויאונג אין בירעבידזשאַן אויפן גרונט פון אויסנוצן די גרויסע רייכטימער פון בירעבידזשאַנער ראַיאָן (ערד, וואַסער־רעסורסן, מינעראַלן, וואַלד־רייכטימער און אַנדערע).

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט גיט דער פּרעזידיום פון צא"ק אין זיין באַשטימונג אַ ריי קאָנקרעטע אָנווייזונגען דעם מעלוכע־פּלאַן און די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען, וואָס זיינען שייעך דעם פאַרווירקלעכן די באַשטימונג פון פּרעזידיום פון צא"ק.

אין פונקט 9 פון דער באַשטימונג ווערט געזאָגט:

פאַרצייכענען, אַז די מיגלעכקייט וואָס מען האָט געגעבן אויסלענדישע אַרבעטנדיקע יידן אַריבערצוּוואַנדערן קיין בירעבידזשאַן, האָט אַרויסגערופן אַ באַדייטנדיקע שטרעבונג פון זייער זייט צו דעם ראַיאָן און אַז דער פּרווו פון איינגלידערן זיי האָט שוין געגעבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, פאַרפליכטן דעם „קאָמערד", ער זאָל אָננעמען מיטלען צום ווייטערדיקן באַזעצן אין בירעבידזשאַן אויסלענדישע אַרבעטנדיקע יידן פון די נייטיקע קוואַליפיקאַציעס און זען איינאָרדענען זיי ווירטשאַפטלעך, פירנדיק די דאָזיקע אַרבעט אין הסכּם מיטן פאַרווירקלעכן די פּלענער פון דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויאונג אין בירעבידזשאַן.

וועגן פאַרוואַנדלען דעם בירעבידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן פון ווייטמיזרעכדיקן קאַנט אין אַ יידישער אַווטאָנאָמער געגנט

באַשטימונג פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פסס"ר.

באַטראַכט דעם פאָרשלאָג פון אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט וועגן פאַרוואַנדלען דעם בירעבידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ יידישער אַווטאָנאָמער געגנט, באַשטימט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון פסס"ר:

די הישטאַדלעס באַפרידיקן און פאַרוואַנדלען דעם

בירעבידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ יידישער אווטאָנאָמער געגנט אין באַשטאַנד פון וויטמיזורעבדיקן קאַנט.

פאָרזיצער פון צענטראַלן
אויספיר־קאָמיטעט פון פסס״ר
מ. קאַלינין.

סעקרעטאַר פון צענטראַלן
אויספיר־קאָמיטעט פון פסס״ר
א. יענוקידזע.

מאָסקווע, 7 מאי 1934.

ראַטפאָלקקאָם פון פסס״ר גיט אַרויס פאַראָרדענונגען וועגן דער בויאונג אין בירעבידזשאַן

מאָסקווע. 1טער אָקטאָבער 1934. דער ראַט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן פון פסס״ר האָט זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע פון בירעבידזשאַן און האָט אָנגענומען אַ ריי קאָנקרעטע באַשלוסן וועגן פאַרשטאַרקן דיווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע בויאונג פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. אין די באַשלוסן רעדט זיך: וועגן געבן צוגאָב־להאָטעם פאַר די איבערוואַנדערער־קאָלווירטלער, אויסטיילן בוי־מאַטעריאַלן און טראַנספאָרט־מיטלען, פאַרברייטערן די קולטור־שטייגערישע און הויזער־בויאונג, אויסבויען אַ גאַנצע ריי פאַבריקן און זיכערן דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט אַ זעלבשטענדיקן ביודזשעט.

אַ יידישע סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליק

מאָסקווע. 3טער נאָוועמבער 1934. פּראָפ׳ י. ליבערבערג, פאַרוואַלטער פון דעם אינסטיטוט פאַר פּראָלעטאַרישער קולטור אין קיעוו, איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון אָרגקאָמיטעט פאַר דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט. פאַרן אָפּפאָרן קיין בירעבידזשאַן איז ליבערבערג אויפגענומען געוואָרן דורכן פאָרזיצער פון אַלפאַרבאַנדישן אויספיר-קאָמיטעט, קאַלינין.

„אייער אַרבעט װעלן מיר דאַן באַטראַכטן פאַר גוט און געלונגען — האָט קאַלינין ערקלערט ליבערבערגן — ווען איר וועט זיך דערשלאָגן דערצו, אַז אין פינף—אַכט יאָר אַרום זאָל די יידישע אַווטאָנאָמע געגנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יידישער סאָציאַליסטישער סאָוועטישער רעפּובליק".

דער סײכל פֿון בּירעבּידזשאַן

מ. אי. קאַלינין:

„... די גרינדונג פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט באַטראַכט איך, ווי אַ רעזולטאַט פון קאָנסעקווענטן דורכפירן די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט, וואָס איז געצילט צו באַוואָרענען דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפבלי פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס לעבן ביי אונז אין פאַרבאַנד".

ש. דימאַנשטיין:

„... אונז איז נייטיק אַ קאָמפּאַקטער יידישער יישעוו ניט צוליב וועלכע־עס־איז נאַציאָנאַליסטישע צוועקן, פון וואָס מיר זיינען גאַנץ ווייט, נאָר צוליב קאָנקרעטע צוועקן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן אַלגעמיינעם בוי פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד. ביי געזינטערע קולטורעלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען וועלן די יידישע מאַסן פאַרוואַנדלט ווערן אין פּעאיקע און מוסטערהאַפטע שעפער פון אַ ניי סאָציאַליסטיש לעבן

צו דעם דאַרף מען זיי ענערגיש גרייטן, באַקעמפנדיק יעדן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג.

נאָר אין אַ לאַנד, וואו עס הערשט דער פּראָלעטאַריאַט, איז געוואָרן מיגלעך צו לייזן די „יידנפראַגע". וועגן דעם דאַרפן געדענקען די יידישע מאַסן, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען".

(30 מערץ 1928)

*

„..קיינער וועט ניט לייקענען, אַז די סאָציאַל־עקאָנאָמישע רעקאָנסטרוקציע פון די יידישע מאַסן איז פאַרגעקומען דערהויפּט דורכן אַריינדרינגען פון יידישע אַרבעטער, הויפּט־

זעכלעך יוגנט, אין דער אינדוסטריע, באַזונדערס אין דער גרויס־אינדוסטריעלער פּראָדוקציע. דאָ האָבן מיר געהאַט אַ גרויסן וואוקס ביפּראַט אין פּעריאָד פון ערשטן פינפיאָר... אָבער דאָס איז ניט רעגלמעסיק, ניט אומעטום גלײַך פאָרגעקומען און גאַנץ קענטיקע רעשטן פון דער ניט נאָרמאַלער לאַגע דאַרף מען נאָך ליקווידירן מיטן וועג פון איבערוואַנדערונג.

... פאַר יעדן באַוואוסטזיניקן אָנטיילנעמער פון דער סאָצבויאונג איז קלאָר ווי דער טאָג די וויכטיקייט פאַר אונזער גאַנצן ראַטנלאַנד צו באַשיצן אונזער ווײַטן מיזרעך קעגן יעדער אינטערווענציע. און איינער פון די הויפּט־מאָמענטן דערבײַ איז די נייטיקייט וואָס מער געדיכט צו באַזעצן די דאָרטיקע געגנט מיט זיכערע אויסגעהאַלטענע עלעמענטן. וואָס פעסטער מיר ווערן דאָרטן אויפן ווײַטן מיזרעך, אַלץ ווײַטער רוקט זיך אָפּ די מילכאָמע־געפאַר.

... עס קען קיין ספק ניט זײַן, אַז מיר מוזן איצט אָן אַן ערעך פאַרשטאַרקן אונזער קאַמף קעגן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, ווײַל ער, פּונקט ווי אַנדערע נאַציאָנאַליזמען, נוצט אויס אַלע מיגלעכקייטן צו קעמפן קעגן דעם אויפבוי פון דער אָנקלאַסנדיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין צווייטן פינפיאָר. מיר דאַרפן געדענקען, אַז אונזערע קלאַסנשׂונים וועלן זוכן אויסצונוצן אַזאַ גרויסן און אויסערסט וויכטיקן מאָמענט אין לעבן פון די יידישע מאַסן, ווי דאָס שאַפן צום ערשטן מאָל אַ יידישע אַווטאָנאָמע געגנט, און מיר דאַרפן זײַן שטענדיק גרייט צו געבן דעם נייטיקן ווידערשטאַנד. די קלאַסנפײַנטלעכע ווירקונג וועט זיך אויסדריקן אין אַלערליי פאָרמען — סײַ אַלס ציאָניסטישער „קלאַל־יִשׂראָעל"־ציגאַנג צו בירעבידזשאַן, קעדיי צו פאַר־

שמירן דעם עקסיסטירנדיקן קלאַסנקאַמף, סײַ פאַרקערט אַלס פּרוּוו צו דיסקרעדיטירן די גאַנצע וויכטיקייט פון דעם היסטאָרישן אַקט פון אונזער רעגירונג בענוגייע די יידישע מאַסן, מאַכן אים צונישט, פאַרשפּרייטן רעכילעס וועגן בירעבידזשאַן און זײַנע דערגרייכונגען.

... מיר דאַרפן אַכטונג געבן, אַז דער צוגאַנג צו דער פראַגע זאָל זײַן קעסיידער אַ ריכטיקער, אַן אויסגעהאַלטע־נער און קלאָרער. די אָנווענדונג פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק בענוגייע די יידישע מאַסן מוז דורכויס געבויט זײַן אויף די אַלגעמיינע אינטערנאַציאָנאַליסטישע יעסוידעס".

(10 מאַי 1934)

מ. סעמע:

„דער אויפבוי פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט איז איצט אין סאַמע ברען. ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסן פּאָליטישן פאַקט און פאַקטער פון אינטערנאַציאָ־נאַלער באַדייטונג. עס איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע, ווען אַ יידישע נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמע געגנט ווערט פאַקטיש געבויט און אויף אַ גרויסן מעלוכישן אויפן. דאָס באַטייט־פולע און דאָס כאַראַקטעריסטישע אין דער בויאונג פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט באַשטייט ניט נאָר אין דעם עצעם פאַקט פון אַזאַ בויאונג, נאָר אויך אין דעם מעטאָד פון איר פאַרווירקלעכונג. די יידישע נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמע געגנט ווערט געבויט ניט דורך יידישע „צדאָקע־פּושקעס", דורך „אייגענע יידישע נאַציאָנאַלע קויכעס" — נאָר דורך דער מיטהילף און באַטייליקונג פון אַלע פעלקער פון

ראַטנפאַרבאַנד, דאָס איז אַ רינג אין דער גראַנדיאָזער קייט פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער בויאונג.

מיר בויען ניט קיין „מיקלאָט״ פאַרן „אייביקן וואַנדערער״, קיין „נאַציאָנאַלע היים״ פאַרן „גאָלעס-פאָלק״, נאָר מיר באַרייכערן דעם ראַטנפאַרבאַנד מיט נאָך אַ נאַציאָנאַל-מעלוכישער אויסבילדונג: די יידישע אַווטאָנאָמע געגנט איז נאָך אַ גרויסע פּאָזיציע פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער בויאונג, נאָך אַ גלענצנדיקער מוסטער פון איינציק ריכטיקער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

אָט פאַרוואָס דאָס בויען די יידישע אַווטאָנאָמע געגנט בירעבידזשאַן איז געוואָרן ניט אַן איניען פון יידישלעכע קרייזן, אַ „ריין יידישע באַוועגונג״, נאָר די זאַך פון גאַנצן סאָוועטישן פּראָלעטאַריאַט און זיין רעגירונג.

... אָט פאַרוואָס בירעבידזשאַן האָט שוין אין אַ מעשעך פון גאָר אַ קורצער צייט בויאונג פּאַקטיש געגעבן — פאַרהעלטנישמעסיק — מער דערגרייכונגען, ווי איבער אַ האַלב יאָרהונדערט נאַציאָנאַליסטיש-אימפּעריאַליסטישציאָניסטישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע. אָט פאַרוואָס די ציאָניסטישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נייעם פאַקטער פון נאַציאָנאַלן האַס, פון נאַציאָנאַלע רייסערייען (יידן און אַראַבער), און די יידישע אַווטאָנאָמע געגנט — אין אַ נייעם פאַקטער פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

אָט פאַרוואָס מיר האָבן אין פּאַלעסטינע קעגנזייטיקע פּאָגראָמען צווישן יידן און אַראַבער, אַראַבישע דעלעגאַציעס צום ענגלישן אייבערקאָמיסאַר קעגן יידן און יידישע קעגן אַראַבער, און צום ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט האָבן מיר דעלעגאַציעס פון אַרבעטער

און קאָלווירטלער פון אַלע פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד, האָבן מיר אַ נייע כוואַליע פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג.

אָט פאַרוואָס דער ציאָניזם איז אַ גרונט-באַזע פון קאָנטער-רעוואָלוציע און רעאַקציע אין דער יידישער סוויווע, אַ זאַמלפונקט פון אַלע שוואַרצע פאַשיסטישע און קלערי-קאַלע עלעמענטן אירע, און אַרום דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט קאָנצענטרירן זיך די סימפאַטיעס פון אַלע פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון די יידישע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער".

(18 דעצעמבער 1934).

מ. אַנין:

„... דער אָרט, וואָס בירעבידזשאַן האָט פאַרנומען אין יידישן לעבן, היין אין ראַטנפאַרבאַנד, היין אויסער זיינע גרענעצן רוקט אַרויס אויך פאַר דער יידישער אַרבעטער-שאַפט אַ ריי וויכטיקע פּראָבלעמען.

ביים באַהאַנדלען אָט-די פראַגע טאָר מען אויף קיין איין רעגע ניט אַרויסלאָזן פון אויג דעם גרונט-פּרינציפּ, אַז די פאַרענטפערונג פון אַלע זיינע וויכטיקסטע פּראָבלעמען וועט דער יידישער אַרבעטער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן מאַרקסיזם. נאָר אין דיזאָ ראַמען מוז באַהאַנדלט און אָפּגעשאַצט ווערן אויך די בירעבידזשאַן-אַקציע. עס וואָלט געווען אַ גרויסער פעלער צו דערלאָזן, אַז דער אינטער-נאַציאָנאַלער צוגאַנג זאָל פאַרביטן ווערן דורך אַ נאַציאָנאַ-ליסטישן בירעבידזשאַניזם ווי אַ זעלבסטצוועק.

אויב בענויגייע צו די יידישע מאַסן אין ראַטנפאַר=
באַנד איז אָט די געפאַר אַ מינימאַלע, ווערט די לאַגע
פאַרוויקלטער בענויגייע צו די יידישע מאַסן אין די קאַפּי=
טאַליסטישע לענדער. די קליינבירגערלעכע בעהאָלע=שטי=
מונגען רייסן זיך אויך אַריין אין די יידישע אַרבעטער=
קרייזן. צוזאַמען מיט דער וואַקסנדיקער סאָציאַל=עקאָנאָ=
מישער נויט און פינצטערע צוקונפט=פּערספּעקטיוון ווערן
די פּאַניק=שטימונגען איינער פון די הויפּט=קוואַלן פון דעם
דראַנג קיין בירעבידזשאַן וואָס מערקט זיך אָן אין דער
לעצטער צייט אַלץ בוילעטער אויך צווישן דער אַרבעטער=
שאַפט און באַזונדערס צווישן דער האָרעפּאַשנער יוגנט. אָט
דעם דראַנג מוז מען ווי געהעריק אָפּשאַצן. מען טאָר אים
ניט אידעאַליזירן, קעגן דער סאָציאַל=עקאָנאָמישער דעגראַ=
דירונג פון די יידישע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענ=
דער טאָר מען ניט אַרויסרוקן דעם לאָזונג: „קיין בירע=
בידזשאַן”. דאָס וואָלט געהייסן פאַרקריפּלען די פּערספּעק=
טיוון פון דעם פּראָלעטאַרישן באַפרייאונגס=קאַמף.

די יידישע אַרבעטערשאַפט פון דער גאַנצער וועלט
זעט מיט רעכט אין בירעבידזשאַן דאָס מוסטערלאַנד,
ווי אַזוי עס דאַרף פאַרענטפערט ווערן די פּראָבלעם פון
דער יידישער אָרעמשאַפט און דעקלאַסירונג. מען טאָר
אָבער בעשום אופן ניט אַוועקשטעלן בירעבידזשאַן, ווי
אַן איינוואַנדערונגס=לאַנד פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן
פון דער גאַנצער וועלט, — ווי דאָס איינציקע לאַנד, וואו
עס קען פאַרענטפערט ווערן זייער סאָציאַלע נויט.

... אויפן טאָג=סיידער שטייט איצט דער פלאַנמעסיקער
רעאַלער אויפבוי פון דעםווירטשאַפטלעכן פונדאַמענט, אויף

וועלכן עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ פרייע אַרבעטסגעמיינשאַפט אין בירעבידזשאַן.

די שלאָגלערישע אויפגאַבע באַשטייט אין קאָנקרעטע מעשׂים און ניט אין נאַציאָנאַליסטישע דעקלאַמאַציעס אין גייסט פון די קליינבירגערלעכע פאַטריאָטן פון אַן אייגן היים".

(ריגע, נאָוועמבער 1931).

גינע מעדעם:

„...די יידישע אַווטאָנאָמע געגנט איז ניט קיין עמיגראַציע־פונקט פאַר אויסלענדישע יידן. עס איז אַן אָרט צו באַזעצן פריער פאַר אַלץ סאָוועטישע יידן. דאָס איז דערקלערט געוואָרן צענדלינגער מאָל אין דער פרעסע... אָבער דאָס אַריבערפאָרן פון געקליבענע קוואַליפיצירטע און גוטצוגעפאַסטע, סאָוועטן־פריינדלעך־געשטימטע און אויף לויןאַרבעט זיך באַזירנדיקע יידישע האָרעפאַשניקעס פון אויסלאַנד, איז יאָ מעגלעך.

דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן צפּיציעל אין אַ רעזאָלוציע אויפן הייעריקן 3טן פלענום פון צענטראַל־ראַט פון „געזערד", וואָס זאָגט צווישן אַנדערן:

„אָנערקענען אַלס צוועקמעסיק דאָס אַריבערברענגען פון אויסלאַנד באַשטימטע קאָנטינגענטן יידישע קוואַליפיצירטע אַרבעטער פון דעפיציט־פּראָפעסיעס (דאָס הייסט פון פאַכן, וואָס פעלן־אויס אין ווײַטן מיזרעך), נעמענדיק אין באַטראַכט דעם דראַנג פון די יידישע אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי פון דער יידישער אַווטאָנאָמער

געגנט און נעמענדיק אין אַכט, אַז די מאַסשטאַבן פון דעם אויפבוי פון דער געגנט עפענען מיגלעכקייטן פאַר אַריינ־נעמען אַט־די קאָנטינגענטן, אין באַשטימטע געביטן פון איר פאָלקסווירטשאַפט".

אַלזאָ — פון מאַסן־עמיגראַציע איז ניט צו כאָלעמען און קיינער פון די, וואָס אַרבעטן פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע פון יידנטום, סיי אין ראַטנפאַרבאַנד, סיי אין די איבעריקע לענדער, טאָר ניט וועקן קיין האָפענונגען פאַר אַ מאַסן־עמיגראַציע. אין 1931 אין די סאַמע שווערסטע יאָרן פון דער בויאונג אין דעם נאַציאָנאַלן ראַיאָן בירעבידזשאַן האָט זיך אָנגעהויבן — געטריבן דורכן קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט — אַ טענדענץ ביי די אויסלענדישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס פון „איקאָר", „אָסעק" און „פּראָקאָר", אויך „געזערד" אין דייטשלאַנד צו העלפן אַריבערפירן גרופּן פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין ווייטן מיזרעך — אין דעם בירעבידזשאַנער ראַיאָן. עס זיינען געקומען ביז 1.200 מענטשן; ניט אַלע זיינען געווען פּאַסיקע, פּיאָנערישע מענטשן. אַ גרויסער טייל איז צוריק אַוועק.

עס איז אָבער אויך געקומען אַ גרופּע טעכניקער און אַרבעטער פון ווילנע. דורכויס יונגע, ענערגישע, אַקטיווע מענטשן. זיי זיינען פאַרבליבן, דורכגעמאַכט די שווערסטע צייטן. געוואָרן שלאָגלער, אָנפירנדיקע אַרבעטער אין פאַרשיידענע אינדוסטריעס. עס זיינען אויך אַוועק ליטווישע האָרעפּאַשניקעס אין בירעבידזשאַן. דאָס זיינען די דורכויס מער פּאַסיקע עלעמענטן פאַר דער אַרבעט און אויפבוי פון דער יידישער אַוטאָנאָמער געגנט".

(לאָנדאָן, נאָוועמבער 1934)

אָטאָ העלער:

„... זאָלן די ציאָניסטישע אָנזעצערס אויפהייבן אַ טומל אַרום די שוועריקייטן פון קאָלאָניזירן בירעבידזשאַן און שטילן דערמיט די אייגענע וואונדן — דאָס וועט זיי גאָרנישט העלפן! די פּערספּעקטיוון פון דעם לאַנד זיינען מעכטיקע און אומבאַגרענעצטע. אין בירעבידזשאַן איז ניטאָ קיין אַראַבער-פראַגע, דאָרטן איז נאָר דאָ די פּראָבלעם פון מענטש און מאַשין. דאָס לאַנד איז אָפן. קאָזאַקן, קאָרעער און אודעבן וואוינען דאָרט בלויז אין צעוואָרפענע אינזעלעך און וואַרטן, אַז די ביז-איצט ניטבאַרירטע שטאָכים זאָלן קאָלאָניזירט ווערן. קיינער נעמט ביי זיי קיין ערד ניט צו. אין בירעבידזשאַן איז ניטאָ קיין אימפּעריאַליסטישע קאָנקורענץ, ניטאָ קיין נאַפט-רערן, וואָס די ענגלענדער און די פראַנצויזן רייסן זיך איינער בײַם אַנדערן אַרויס, ניטאָ קיין יערושאַלאַימער מופטי, ניטאָ קיין הויך-קאָמיסאַר פון זיין בריטישער מאַיעסטעט.

מענטשן און מאַשינעס! אָט איז דער צענטראַלער פּונקט פון דער בירעבידזשאַנער פּראָבלעם".

אָ. פּרעסמאַן:

„... דער לעבעדיקער גרוס פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט, דער שטייגנדיקער לעבנס-ניוואָ פון די געוועזענע דעקלאַסירטע און היינטיקע בויער, די ריזיקע סימפּאַטיעס, וואָס די יידישע מאַסן ווייזן אַרויס צום אויפבויווערק און צו די פּראָבלעמען דאָרט — לאָזן ניט רוען די העצער קעגן בירעבידזשאַן.

... „פוילישע יידן וועלן ניט קענען עמיגרירן קיין בירעבידזשאַן״ — זיינען זיי מודיע מיט שאָדנפרייד אין זייערע צייטונגען.

... מיר האָבן אָבער קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז קיין בירעבידזשאַן וועט זיין אַ מאַסן־עמיגראַציע, מיר זאָגן נאָר, אַז די ריזיקע בויאונג פון דער יידישער אַווטאָנאָמיע נייטיקט זיך אין דער מיטהילף און שטיצע מיצאַד די אַרבעטנדיקע אין דער גאַנצער וועלט און בעסויכאָם אויך פון פוילן. און פונקט ווי מיר זאַמלען די סימפּאַטיעס פון די יידישע אַרבעטנדיקע אין פוילן פאַר בירעבידזשאַן אויף אַנדערע געביטן, אַזוי זאַמלען מיר אויך די קאַדערס וואָס וועלן דאָרט זיין נייטיק און נוצלעך.

... די פריינד פון בירעבידזשאַן פאַרבינדן קיידעמקאָל זייערע לעבנס־אינטערעסן דאָ. און די דראָונגען פון די העצער וועלן קיינעם ניט אָפּשרעקן״.

(„איבערבוי״, נאָוועמבער 1934).

מאַקסים גאָרקי:

„... מען דאַרף אָנווייזן אויף דעם, אַז ווען אָט די מענטשן (די יידן) ווערן אַרויסגעיאָגט דורך דער פאַשיסטישער בורזשואַזיע פון דייטשלאַנד און די פאַשיסטן פון ענגלאַנד הייבן אויך אָן צו פריידיגן שענדלעכן אַנטיסעמיטיזם, — אין דער זעלבער צייט ווערט אין לאַנד, וואו די מאַכט געהערט צום אַרבעטער־קלאַס, אָרגאַניזירט אַ זעלבשטענדיקע יידן־רעפּובליק, אַ יידישע אַווטאָנאָמע געגנט״.

(פון אַן אַרטיקל „פּראָלעטאַרישער הומאַניזם״, 23 מאַי 1934)

בירעבידזשאַן גופע

די געגנט — אירע אַלטע און נייע אײַנוואוינער

ביראָבידזשאַן איז ניט קיין געאָגראַפֿישער נאָמען, נאָר אַן אַדמיניסטראַטיווער, אַ קאָמבינאַציע פֿון נעמען פֿון צוויי בײַטײַכן פֿון אַמור — בירע און בידזשאַן. פֿאַר די צאַרישע צײַטן האָט די געגנט געהייסן בידזשאַנאָ-בירער קרייז. די אײַנגעבאָרענע אײַנוואוינער פֿון דער געגנט זײַנען טונגוסישע שוואָטים. די רוסן האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין ביראָבידזשאַן אין 17טן יאָרהונדערט, ווען די ערשטע קאָזאַקן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון סויבער כאַבאַראָוו זײַנען דערגאַנגען ביזן קאַנט בײַ די טײַכן אַמור און אוסורי. די רוסישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך אָבער דאָרטן אָנגעהויבן ערשט דאַן, ווען די כינעזער האָבן דעם קאַנט אָפּגעטראָטן רוסלאַנד אויפֿן גרונט פֿון 2 אָפּמאַכן, וואָס זײַנען געשלאָסן געוואָרן אַרום מיטן 19טן יאָרהונדערט.

דאַן זײַנען לויט אַ גוירל איבערגעפֿירט געוואָרן אַהין עטלעכע טויזנט מישפּאָכעס פֿון די בײַקאַלער קאָזאַקן. אין די זיבעציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט זײַנען אַהין אָנגעקומען די ערשטע קאָרעער, פּויערים-עמיגראַנטן, נאָכן גרויסן ניט געלונגענעם פּויערים-אויפֿשטאַנד אין קאָרעע. זיי פֿאַרנעמען זיך דעריקער מיט קולטיווירן רײַז.

אין די יאָרן פֿון בירגער-קריג (נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע) האָבן דעם ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט (אַלזאָ אויך

בירעבידזשאַן) פאַרבאַפּט די יאַפּאַניער וואָס האָבן זיך דאָ געהאַלטן ביז סאַמע סאָף 1922. ערשט אין 1923 הייבט זיך אָן אין ווייטמיזרעכדיקן קאַנט די סאָוועטישע בויאונג.

אין אַדמיניסטראַטיווער הינזיכט איז דאָס לאַנד ביזן ערשטן אָקטאָבער 1930 געווען צעטיילט אויף 4 ראַיאָנען מיט אַ שעטעך פון קאַרגע 4 מיליאָן העקטאַר. מיט דער קאָלאָניזאַציע האָט מען אָנגעפירט פון איין פונקט (טיכאָנקע). דעם 1טן אָקטאָבער 1930 איז בירעבידזשאַן פאַראייניקט געוואָרן אין איין ראַיאָן מיט דער הויפּטשטאָט טיכאָנקע, אַ סטאַנציע פון דער טראַנססיבירער באַן. דורך דער דאָזיקער פאַראייניקונג איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער אָרגאַניזאַציאָנעלער שריט צו שאַפן אַ יידישן אַדמיניסטראַטיוון אַווטאָנאָמען איינס.

גלייכצייטיק האָט דער ווייטמיזרעכדיקער קאַנט־אויספירקאָם באַשטימט איינצושליסן אין די אַדמיניסטראַטיווע גרענעצן פון בירעבידזשאַן דעם אַמור־טונגוסער ראַיאָן וואָס געפינט זיך אין צאָפן־מיזרעך פון לאַנד און פאַרנעמט אַ שעטעך פון איבער 3 מיליאָן העקטאַר, מיט אַ באַפעלקערונג פון 1200 מענטשן.

די ערשטע גרופּע יידישע איבערוואַנדערער פון די שטעטלעך אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע איז אָנגעקומען קיין טיכאָנקע אין מאַי 1928. ביזן סאָף 1928 זיינען אָנגעקומען קיין בירעבידזשאַן אינגאַנצן 800 מענטשן. די שווערסטע צייט פון ערשטן פּעריאָד איז געווען דער זומער 1928, ווען עס איז געגאַנגען זייער אַ סאַך רעגנס, וואָס האָבן געבראַכט צו אַ גרויסער פאַרפּלייצונג. אין 1929 האָבן איבערגעוואַנדערט קיין בירעבידזשאַן 1000 נפשות. אין 1930 — 1500, 1931 — 3000, 1932 — 9000, אין 1933 — 3.500.

אזוי־אַרום זיינען פון 1928 ביז 1934 אָפּגעשיקט גע־וואָרן קיין בירעבידזשאַן ביי 19000 איבערוואַנדערער.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין בירעבידזשאַן די איבערוואַנדערונג פון אויסלאַנד, וואָס איז דורכגעפירט גע־וואָרן פון די אויסלענדישע געזערד־פריינדלעכע אָרגאַניזאַציעס.

די ערשטע גרופּעס אויסלענדישע איבערוואַנדערער קיין בירעבידזשאַן זיינען אָפּגעפאָרן פון אַרגענטינע אין אַווגוסט 1931.

אין ליטע האָט דער „געזערד"־פאָרשטייער, א. ראַש־קעס, אין זומער 1931 דורכגעפירט אַ ספּעציעלע ווערביר־קאַמפּאַניע פאַר בירעבידזשאַן (ביי 350 מענטשן).

נאָך די ליטווישע איבערוואַנדערער זיינען אָפּגעפאָרן קיין בירעבידזשאַן מערערע גרופּעס פון לעטלאַנד, דייטש־לאַנד, בעלגיע, דאַנציג, פאַראייניקטע שטאַטן, פראַנקרייך און אַנדערע.

אין פּאַלעסטינע האָבן זיך פאַרשריבן אויסצוואַנ־דערן קיין בירעבידזשאַן ביי 1000 מענטשן, פון וועלכע ביי הונדערט זיינען שוין אַהין אַריבערגעפאָרן.

פון פּוילן איז די ערשטע איבערוואַנדערער־גרופּע (ווילנע) באַשטאַנען פון 30 מענטשן.

די אַלגעמיינע צאָל אויסלענדישע איבערוואַנדערער אין בירעבידזשאַן באַטרעפט ביי 800 מאַן.

פון די 19000 איבערוואַנדערער וואָס זיינען אָנגעקומען אין בירעבידזשאַן אין פעבריאַר ביז 1934, זיינען דאָרטן צום 1טן אָקטאָבער 1933 געבליבן נאָר 7000 נעפאַשעס.

די סיבעס פון אָפּפלוס זיינען געווען פאַרשיידענע אין באַזונדערע יאָרן.

עם זיינען געפאָרן מענטשן ווייניק צוגעפּאַסטע צו זי אומפּאַרמײַדלעכע שוועריקייטן ביי באַהערשן דעם נײַעם ראַיאָן.

אַ צאָל אָנגעקומענע זיינען געווען קראַנקע, אינוואַלידן.

די הויפּט־סיבעם זיינען אָבער געווען די שלעכטע אַדינונג מיט וואוינונגען, ביוראָקראַטישע באַציאונג צו די איבערוואַנדערער, דורכרייסן אין דער דערנערונג און ניט ריכטיקע פונאַנדערשטעלונג פון דער אַרבעטסקראַפט.

דער אויפנעם פון די איבערוואַנדערער אין 1933 איז שוין אָרגאַניזירט געווען אַ כאַך בעסער און דער פּראָצענט פאַרפונדעוועטע איז געווען אָן אַן ערעך גרעסער. באַזונדערם שטרענג איז געפירט געוואָרן די ווערבירונג אין 1934 יאָר (דער פּלאַן — 9000; פאַר די ערשטע 9 חדשים זיינען אָנגעקומען מער ווי 5000).

דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די איבערוואַנדערער אין בירעבידזשאַן איז גאָר אַן אַנדערער אין פאַרגלייך מיט די איבערוואַנדערער, וואָס זיינען איבערגעפירט געוואָרן אויף ערד קיין קרים און אוקראַינע ביזן 1928 יאָר. די איבער־וואַנדערונג קיין בירעבידזשאַן איז צונויפגעפאַלן מיטן אָנהייב פון ערשטן פינפיאָר, ווען די מערהייט פון דער יידישער אָרעמשאַפט אויף די ערטער האָט זיך אָנגעהויבן אַרײַנציען אין פּראָדוקטיווער אַרבעט. נאָך אין 1930 איז צווישן די איבערוואַנדערער קיין בירעבידזשאַן געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל געוועזענע קליינהענדלער, אין 1931 איז שוין אָבער דער פּראָצענט געוועזענע הענדלער געווען ניט מער ווי 5—6, און אין די ווײַטערדיקע יאָרן — 1932 און 1933 — זײַנען זיי שוין אינגאַנצן ניט געווען. אין 1933 זיינען די הויפּט־גרופּעס איבערוואַנדערער באַשטאַנען פון קוסטאַרן, שוואַרצ־

אַרבעטער, טרעגער, פורמאַנעס, סעזאָן־אַרבעטער און אַנדערע האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן געוואָלט איבערגיין אויף ערד־אַרבעט, אָדער באַקומען אין בירעבידזשאַן נייע קוואַליפיקאַציעס. אַכוצדעם איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ספּעציעלע אַרבעט צו ווערבירן קוואַליפיצירטע טעסלערס, סטאָליערס, שטוקאַטורן, מוליערס און אַנדערע בוי־אַרבעטער, וואָס זיינען זייער נייטיק פאַר בירעבידזשאַן ווי פאַר יעדער נייער בויאונג.

געפאָרן איז מען פון באַרדיטשעוו, קאַמעניעץ, אומאַן, קרעמענטשוג, זשיטאָמיר, וויניצע, באַלטע, נעמיראָוו אין נאָך שטעט און שטעטלעך.

לויט דער באַשטימונג פון דער סאָוועטישער רעגירונג פון 11טן דעצעמבער 1933 זיינען אַלע קאָלווירטן און קאָלווירטלער פון וויטן מיזרעך אויף 10 יאָר איינגאַנצן באַפרייט געוואָרן פון צושטעלן אָבליגאַטאָריש דער מעלוכע אַלערליי טווועס און די נאָרמעס אויף צושטעלן פלייש, פוטער, מילך, קאַרטאָפל אאַז״וו זיינען פאַרקלענערט געוואָרן אויף אַ העלפט. דאָס שאַפט אויך פאַר דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט — אַלס באַשטאַנדטייל פון וויטמיזרעכדיקן קאַנט — באַזונדערס גינסטיקע באַדינגונגען. אויך די באַשטימונג פון 1טן יוני 1934, וואָס באַפרייט איינגאַנצן די קאָלווירטן און קאָלווירטלער פון וויטן מיזרעך אויף 15 יאָר פון צאָלן דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן שטייער, איז גינסטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן אין דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט.

דעם 1טן אָקטאָבער 1934 האָט דער ראַטפאָלקאָם פון פסס״ר באַשטימט אַ וויכטיקע להאָטע ספּעציעל פאַר דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט: די נייע קאָלווירטלער־

איבערוואַנדערער ווערן אויף אַ יאָר צייט (פון מאָמענט פון באַזעצן זיך אויף ערד) איינגאַנצן באַפרייט פון צושטעלן דער מעלוכע פּלייש און מילך.

*

ביי היינטיקן טאָג געפינען זיך אין בירעבידזשאַן מער ווי 10000 יידן אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 45000 (אין 1928 — אין אָנהייב פון דער יידישער איינוואַנדערונג — האָט די באַפעלקערונג פון בירעבידזשאַן באַטראָפן ביי 32000 מענטשן). די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג מאַכט אַזוי אַרום אַפילע ניט אוים קיין גאַנצן מענטשן אויף אַ קוואַדראַט-קילאָמעטער.

אַכוץ דער הויפּטשטאָט בירעבידזשאַן זיינען דאָ נאָך אַ גאַנצע ריי גרעסערע באַפעלקערטע פונקטן, ווי: די באַן-סטאַנציעס אין (3000 איינוואוינער) און ביראַקאַן (2200), די ישוווים מיכאַילאָ-סעמיאָנאָווסק (1300), סטאַלינסק (2000), יעקאַטערינאָ-ניקאָלסק (1900) א״א

די טעריטאָריע

פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט פאַרנעמט ביי היינטיקן טאָג אַ שעטעך לאַנד פון 7 מיליאָן העקטאַר אָדער 70 טויזנט קוואַדראַט-קילאָמעטער.

לויטן רעליעף קאָן די געגנט צעטיילט ווערן אויף צוויי טיילן: 1) דער צאָפן- און מיזרעוו-טייל באַשטייט דעריקער פון בערג. 2) דער דאָרעם- און מיזרעך-טייל פון דער געגנט איז אַ טאָל ביים טייך אַמור.

די געגנט איז באַדעקט מיט אַ געדיכטער נעץ פון טייכן, וואָס פליסן מערסטנטייל פון צאָפן־מיזרעוו קיין דאָרעם־מיזרעך.

די צוויי הויפּט־טייכן פון דער געגנט זיינען ביר ע און בידושאַן. צווישן ביידע טייכן געפינט זיך דער גרעסטער טייל טעריטאָריע פון דער געגנט. לויטן נאָמען פון די צוויי טייכן איז אויך אָנגערופן דער ראַיאָן.

ביידע טייכן פאַלן אַריין אין אַמור. דער דאָרעם־טייל פון דער געגנט, דער צאָפן־מיזרעכדיקער און קימאַט דער גאַנצער מיזרעוו־טייל געפינען זיך האַרט ביים ברעג פון אַמור, וואָס גייט דורך אין דער געגנט אויף אַ שטרעקע פון 600 קילאָמעטער, פון זיי 400 קילאָמעטער ביי דער גרענעץ מיט כינע (מאַנדזשוריע).

דער צאָפן־טייל פון דער גרענעץ ציט זיך לענג אויס דער אייזנבאַנליניע פון מיזרעוו צו מיזרעך אויף 300 קילאָ־מעטער. די אייזנבאַנליניע ליגט אויף דער מאַגיסטראַל פונעם גרויסן סיבירער וועג, וואָס פאַרבינדט מאָסקווע מיטן וויי‌טמיזרעכדיקן פּאָרט וולאַדיוואָסטאָק. די אַלגעמיינע דיסטאַנץ פון צאָפן ביז דאָרעם באַטרעפט 430 קילאָמעטער.

פון דער שטאָט בירעבידזשאַן ביז מיכײַלאָ־סעמיאָ־נאָווסק גייט אַ נייער גוטער וועג, וואָס פירט אויך צום ערשטן איבערוואַנדערישן קאָלווירט בירפעלד און צו נאָך פיל וויכטיקע ווירטשאַפטלעכע באַצירקן.

פאַר בירעבידזשאַן זיינען כאַראַקטעריסטיש די ווינטן, וואָס בלאָזן פון שטילן אָקעאַן און ברענגען מיט זיך פייכ־טע און רעגנדיקע וועטערס אין די זומער־כאַדאָשים. פאַר־קערט, ווינטער בלאָזן די ווינטן פון דער יאַבלאָשע אויפן יאַם און ברענגען מיט זיך אַ טרוקן און לויטער וועטער.

אזוי־אַרום באַשטייט די אייגנשאַפט פונעם קלימאַט אין דער יידישער געגנט אין דעם, וואָס דער זומער איז דאָרטן אַ הייסער און אַ נאַסער און דער ווינטער — אַ העלער און אַ טרוקענער, קימאַט אינגאַנצן אָן שניי.

דער סאַמע הייסטער כוידעש איז יולי און דער קאַלט־סטער — יאַנואַר. אין יולי כוידעש דערגייען די היצן ביז 35 גראַד און אין יאַנואַר די קעלטן ביז 40 גראַד.

צו די פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן פון דער געגנט אין קלי־מאַטישער הינזיכט געהערט די סאַך זון־שײַן.

דער באָדן

פון בירעבידזשאַן איז ווייער אַ פרוכטבאַרער, אָבער ניט אומעטום דער זעלבער. און פיל פונקטן פון דער געגנט קען מען איינצייטיק געפינען שווערן ליימיקן באָדן און לייכטן זאַמד־באָדן, שוואַרצערד א״אַנד.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַרן באָדן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט זיינען די גרויסע פאַרזומפּיקטע מאַסיוון. די גרויסע פייכטקייט פון באָדן נעמט זיך דאָ פון דעם, וואָס אויפן אייבערפלאַך האָבן זיך אויפגעהאַלטן די אָפּוואַצן פאַר פיל יאָרן און ניט באַוויזן אויסצוטריקענען. אַכוץ דעם רינט אַראָפּ אויף די נידעריקע מאַסיוון דאָס וואַסער פון די בערג, און דאָס שאַפט אַ טאָפּלטע פייכטקייט.

אָבער אָט די שטענדיקע פייכטע ערד־מאַסיוון קאָנען גרינג אַריינגעפירט ווערן אין עקספּלואַטאַציע ווען מען זאָל דורכפירן די נייטיקע מעליאָראַטיווע אַרבעט, ד״ה אויסטריקענען די זומ־פּיקע ערטער. די פאַרבאַנדישע אָרגאַניזאַציע „מעליאָוואָדכאָז״

פירט דורך לויט דער אויפגאַבע פון דער רעגירונג און מיט דער הילף פון די בירעבידזשאַנער אָרגאַניזאַציעס אַ גרויסע אַרבעט אויף צו פאַרווירקלעכן די מעליאָראַציע. אויך די פאַרבאַנדישע אָרגאַניזאַציע „וואַריוומעלפראָם" פאַרנעמט זיך ערנסט מיט אויסקאָרטשעווען די ביימער. דערביי איז די אַרבעט מאַקסימאַל מעכאַניזירט.

סיי דער קלימאַט פון בירעבידזשאַן, סיי דער באָדן, גיבן די פולע מיגלעכקייט צו קולטיווירן אין דער געגנט װעלכע מען וויל נאָר קולטורן, אָנהייבנדיק פון די וואָס וואַקסן ביי אַ הייסן קלימאַט, ביז אַזעלכע, וואָס קאָנען וואַקסן נאָר אין קאַלטן צאָפן־קלימאַט. אייגנצייטיק מיט אַזעלכע טייערע ביימער, ווי רויטבוים, טענענבוים, צעדערבוים, קאָרקנבוים, ציטערבוים, האָבן מיר דאָ סאָסנע, בעריאָזע, קליאָן און אַנדערע מינים ביימער, וואָס גיבן רוייוואַרג פאַר דער האָלץ־אינדוסטריע (די ווערטפולע וואַלד־מאַסיוון פון בירעבידזשאַן פאַרנעמען ביז 60 פראָצ' פון לאַנד). עס זיינען אויך דאָ אַלערליי יאַגדעס און ווילדע וויינטרויבן. פון קערנער און טעכנישע קולטורן וואַקסן אין דער געגנט: ווייץ, קאָרן, האָבער', גערשטן, סאָיע, ריז, לײַן, קוקורוזע, קאַרטאָפל, פּאָמידאָרן, אוגערקעס, ציבעלעס, מערן, בורעקעס און אַנדערע פאַר־שיידענע קולטורן.

די יידישע אַווטאָנאָמע געגנט וועט ניט פון קיין טריקעניש. און ווען עס וועט דורכגעפירט ווערן אַ באַדייטנ־דיקע מעליאָראַטיווע אַרבעט, וועט די גערעטעניש שטאַרק זיך הייבן.

אין 1928 האָט דער פאַרזיי־שעטעך באַטראָפן אינגאַנצן 14000 העקטאַר. אין 1934 זיינען שוין פאַרזייט געוואָרן 33000 העקטאַר.

98,6 פראָצענט פון גאַנצן פּאַרזיי־שעטעך ווערן באַ־
אַרבעט פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן.

אויצרעס אין דער ערד

אַלס רעזולטאַט פון דער עקספּעדיציע פון „דאַלגעאָ־
טרעסט" אין 1932 — 1933, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן
אַ געאָלאָגישע מאַפּע פון די ערד־אויצרעס אין דער געגנט.

אייזנאַרץ געפינט זיך אין די קליינכינגאַנער בערג—
בלויז אין צאָפן־זײַט איז פאַראַן 600 מיליאָן טאָן אַרץ. דאָס
איז ניט ווײַט פון דער אײַזנבאַן־ליניע, פון די סטאַנציעס
לאָנדאָקאָ און ביראַקאַן.

קאַלך ווערט עקספּלואַטירט פאַר די לעצטע יאָרן
אין לאָנדאָקאָ און ביראַקאַן. די קאַלך־רעזערוון אין דער
גאַנצער געגנט באַטרעפן עטלעכע מיליאַרד טאָן, וואָס קען
דעקן די באַדערפענישן פון גאַנצן ווײַטן מיזרעך. גלײַכצײַטיק
זײַנען אויסגעפונען געוואָרן אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן, ווי
ליים, בוי־שטיינער, קוואַרצזאַמד אאַז"וו. אין פיל ערטער
זיינען צוזאַמען מיטן קאַלך אויך דאָ גרויסע רעזערוון
מירמלשטיין.

גאָלד געפינט זיך (אַכוץ די 4 פונקציאָנירנדיקע
סוטאַרער גרובן) אויף דער שטרעקע פון דעם טײַך סוטאַרע
ביז די ברעגן פון אַמור. די רעזערוון זיינען גרויס און די
פּערספּעקטיוון פון אַרויסבאַקומען גאָלד אויף דער טערי־
טאָריע פון דער געגנט זײַנען באַדײַטנדיקע.

גראַפיט געפינט זיך אין פיל ערטער פון דער

געגנט. דער הויפּט־אָרט זיינען די ברעגן פון טײַכל בעלאַיאַ ביים דאָרף סאָיוונאַיאַ — ביי אַ מיליאָן טאָן גראַפיט.

מאַגנעזיט געפינט זיך צווישן די טײַכן קולדור און בעלאַיאַ סקאַלאַ (מאַגנעזיט איז אַ נייטיקער פּראָדוקט פאַר דער מעטאַלורגיע).

*

עס שטייט איצט אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע פון שאַפן אַ מעטאַלורגישע באַזע אויפן ווייטן מיזרעך (בורייע־קליינכינגאַנער פּראָבלעם). די ערשטע אַגרעגאַטן פון פּראָיעקטירטן מעטאַלורגישן קאָמבינאַט איז פאָרויסגעזען צו לאָזן אין גאַנג אין 1937.

אַלס באַזע צו שאַפן דעם מעטאַלורגישן זאַוואָד ווערט אָנגעמערקט דער בורייער קוילן־באַסיין, וואָס ליגט האַרט איז שכײנעס מיט בירעבידזשאַן. די רעזערוון קוילן פון בורייער קוילן־באַסיין ווערן אויסגערעכנט אין הונדער־טער מיליאַרד טאָן. אין פאַרבינדונג מיטן בויען דעם דאָזיקן קאָמבינאַט שטייט די פראַגע וועגן אויסנוצן דעם אייזנאַרץ פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט.

די ראַיאָנירונג פון דער געגנט

לויטן באַשלוס פונעם פּרעזידיום פון ווצאַ״ק רספס״ר (פון 20־טן יולי 1934) ווערן אין באַשטאַנד פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט געשאַפן פאָלגנדיקע ראַיאָנען:

I. סטאַלינער ראַיאָן — דאָרעם־מערעוו־זייט פון דער געגנט. אַדמיניסטראַטיווער צענטער — סטאַלינסק (געוו. סטאַלינפעלד).

II. בליובעראָווער ראַיאָן—פונקט אין דער מיט פון דער געגנט. צענטער — בליובעראָווע, געוו. מיכאַילאָ=סעמיאָקאָווסק.

III. בירעבידזשאַנער ראַיאָן — צווישן די באַן=סטאַנציעס בירעבידזשאַן (אמאָליקע טיכאָנקאַיאַ) און אין.

IV. סמידאָוויטשער ראַיאָן — אין מיזרעך=טייל פון דער געגנט. צענטער — יִשעוו סמידאָוויטש, געוועז. אין.

V. בירער ראַיאָן — פאַרנעמט אַ גאַנצע אַייזנבאַן=ליניע פון אָבלוטשיע ביז דער סטאַנציע בירעבידזשאַן. דער גרעסטער לויט דער טעריטאָריע. דער צענטער פון ראַיאָן אין דער יִשעוו ב י ר אַ. דער צענטער פון דער שווערער מעטאַלורגישער אינדוסטריע (באַזע — קליין=כינגאַנער אַייזן=אַרץ — סאַך 1935 פּראָדוקציע 50,000 טאָן מעטאַל) דאַרף ווערן די סטאַנציע ב י ר אַ ק אַ ן. דער ראַיאָן דאַרף ווערן דער פירנדיקער אין געגנט אויפן געביט פון אינ=דוסטריע. צו דעם ראַיאָן דאַרף אין דער צוקונפט געהערן אויך די גאָלד=אינדוסטריע.

בירעבידזשאַן — שטאָט

געוועזענע באַנסטאַנציע טיכאָנקע (אין נאָוו' 1931 געקראָגן דעם נאָמען בירעבידזשאַן), 180 קילאָמעטער פון כאַבאַראָווסק, דער הויפּטשטאָט פון ווייטמיזרעכדיקן קאַנט, און 965 קילאָמעטער פון וולאַדיוואָסטאָק. ביז 1928 געהאַט ניט מער ווי 600 איינוואוינער און איז באַשטאַנען פון 120 קליינע נידעריקע הייזלעך. פאַר די לעצטע 6 יאָר אויס=געוואַקסן אין אַ היפּשער שטאָט. די צאָל אינדוסטריע=אונ=טערנעמונגען און קולטור=אַנשטאַלטן וואַקסט פון יאָר צו

יאָר, מיט דער אַקטיווער הילף פון מאָסקווער „געזערד" איז אין 1933 (צום 16טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע) אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע עלעקטראָ-סטאַנציע אויף 250 קילאָוואַט. פאַראַן אויך די פאַבריק „דעטאַל", אַ ניי-פאַבריק, מעכאַנישע וואַרשטאַטן, געווערב-אַרטעלן, אַ שפּיטאָל אויף 60 בעטלעך, 2 צענקלאַסיקע שולן, אַ יידישע און אַ רוסישע, אַ פּעדאַגאָגישער טעכניקום און אַ ספּעציעלער געביידע וואָס פונקציאָנירט שוין 2 יאָר — אין וועלכן בנין געפינט זיך די בירעבידזשאַנער סאָוופּאַרטשול (עס לערנען דאָרט 120 איבערוואַנדערער); אויך אַ ריי אָוונטשולן פאַר דערוואַקסענע, 2 טעגלעכע צייטונגען (אין יידיש און רוסיש — „בירעבידזשאַנער שטערן"), אַ טעאַטער (אויף די מיטלען און דירעקטן אָנטייל פון מאָסקווער „געזערד") אויף 400 פּלעצער מיט איבער 40 אַרטיסטן; אַ צענטראַלע ביבליאָטעק; טעלעפאָן-נעץ איבער דער גאַנצער פּעריפעריע, אויך מיט כאַבאַראָווסק; פּאָסט און טעלעגראַף (פון 1932 אַ ספּעציעלע 2גאָרנדיקע פּאָסט-געביידע); ראַיאָניקע ראַדיאָ-סטאַנציע (אויפגעשטעלט צום 16טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע), וואָס באַדינט די גאַנצע געגנט.

אויף דער סטאַנציע בירעבידזשאַן שטעלן זיך אָפּ אַחוץ אַלע פּאָסט-צוגן, אויך די שנעלצוגן און אַפילע דער קוריער-צוג וואַרשע — מאָסקווע — וולאַדיוואָסטאָק. דורך בירעבידזשאַן גייען די גרויסע לופט- און טעלעפאָן-ליניעס מאָסקווע — וולאַדיוואָסטאָק.

אין דער שטאָט בירעבידזשאַן איז אָרגאַניזירט אַ שטאָט-ראַט, וואָס פירט אָן מיט דער קאָמונאַלערווירטשאַפט און מיט דער בויאונג אין שטאָט.

די באַפעלקערונג אין דער שטאָט בירעבידזשאַן איז געוואַקסן אַזוי:

1928 — 931 מענטשן; 1929 — 2800; 1930 — 2835; 1931 — 4350; 1932 — 6100; 1933 — 6300; 1934 — 7200.

אין 1934 זיינען אין דער שטאָט בירעבידזשאַן געבוירן געוואָרן 208 קינדער. געשטאָרבן זיינען 82 מענטשן. חתונה-געהאַט זיינען זיך — 131.

*

אין די פּלענער פון דער סאָוועטישער רעגירונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט איז דאָ אַ באַשלוס צו בויען בירעבידזשאַן אויפסניי, אויף אַ פּלאַנמעסיקן אופן.

די פּלענער זיינען שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דעם שווייצערישן אַרכיטעקט האַנס מייער, וואָס האָט פּראָיעקטירט די נייע סאָוועטישע שטעט מאַגניטאָגאָרסק און כלעביאַנסק. די נייע שטאָט וועט געבויט ווערן אויף יענער זייט פון דעם טייך בירע קעגנאיבער דער איצטיקער בירעבידזשאַן און די אַלטע שטאָט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַבריק-צענטער. די נייע שטאָט בירעבידזשאַן איז אויסגערעכנט אויף 10 טויזנט פאַמיליעס.

אַלטע און נייע קאָלווירטן

אין בירעבידזשאַן זיינען אָרגאַניזירט דריי מאַשינ-טראַקטאָר-סטאַנציעס: אַמורזעטער, אוסטסונגאַרער און בירעבידזשאַנער. זיי באַדינען 20 גרעסערע קאָלווירטן. אין

1933 האָבן די מט״ס באַדינט 13.574 העקטאַר. 38 טראַקטערס זיינען לויט דעם באַשלוס פון פאַרבאַנדישן פאָלקאָמערד באַשטימט געוואָרן פאַר דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט אין מעשעך פון 1934.

פון 1928 ביז 1933 זיינען אין בירעבידזשאַן געשאַפן געוואָרן 4 איבערוואַנדערישע קאָלווירטן (קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן): בירעפעלד, וואַלדהיים, איקאָר און אַמורזעט. אין 1933 זיינען געשאַפן געוואָרן 2 נייע איבערוואַנדערער־קאָלווירטן: לענינפעלד ביים אַמור און „רויטע סאָפקע״ ביי דער סטאַנציע בירַאקאַן. אין 1933 איז אויף דער בויאונג פון נייע קאָלווירטן אַסיגנירט געוואָרן ביי 6 מיליאָן רובל.

קאָלווירט בירעפעלד. אָרגאַניזירט אין 1928. דער ערשטער פון די געשאַפענע איבערוואַנדערישע קאָלווירטן אין בירעבידזשאַן, דורכגעמאַכט דעם שווערסטן פעריאָד פון פיאָניערן, אין דער שלאַכט מיט דער טייגע, בלאָטע, גנוס אאַז״וו. אויסגעבויט דעם וועג פון דער שטאָט בירעבידזשאַן ביז דער קאָלאָניע בירעפעלד (55 קילאָמעטער). אין בירעפעלד איז אויך געשאַפן געוואָרן דער ערשטער יידישער דאָרפראַט אין בירעבידזשאַן. ביי היינטיקן טאָג: 65 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס (ביי 300 נפשות), 70 הייזער, אַ מעדיצינישער פונקט, אַ קאָאָפעראַטיוו, גאָרקיך, שול, קינדערפלאַץ, באָד, יאַסלעס אאַז״וו. פאַרזיי־שעטעך: 600 העקטאַר. 1000 בינשטאָקן.

10 קילאָמעטער פון בירעפעלד, 60 פון בירעבידזשאַן־שטאָט געפינט זיך דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט פאַר לאַנדווירטשאַפט. אין 1933 אָרגאַניזירט און איינגעשלאָסן אין דער סיסטעם פון דער פאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער

אַקאַדעמיע אויף לענינס נאָמען. אַמאָל אַ פאַרוואָרפענער, מעטע־אָראָלאָגישער פונקט אין דער טײַגע. אין 1928 פאַרוואַנדלט אין בירער פּרווו־סטאַנציע. אויף דער סטאַנציע האָבן דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר יאָזעפאָוויטש מיט זיינע נאָענט־סטע מיטאַרבעטער צוזאַמענגעשטעלט אַ קאַרטע פון בירע־בידזשאַנער ראַיאָן וועגן די באָדן־אייגנשאַפטן פון יעדן ערד־מאַסיוו באַזונדער. די פּראָגראַם פון אינסטיטוט: פאָרשן און פעסטשטעלן די בעסטע מינים זריע פאַר דער בירע־בידזשאַנער לאַנדווירטשאַפט, אויסגעפינען מיטלען צו פאַר־בעסען די פּיצובכע, בינעצובכט, דורכפירן פּרווו־אַרבעטן אויפן געביט פון מעליאָראַציע. אָפּטיילונגען: סעלעקציע, פּיצובכט, אַגראָטעכניק, מעכאַניזירונג, עקאָנאָמיק א״אַנד. ביודזשעט אין 1934 — 600 טויזנט רובל.

קאָלווירט וואַלדהיים. אָרגאַניזירט אין 1929. 12 קילאָמעטער פון שטאָט בירעבידזשאַן. די איבערוואַנדערער האָבן געהאַקט די הונדערטיעריקע ביימער, געקאָרטשעוועט דעם געדיכטן וואַלד און מיט גרויס אַקשאָנעס געבויט זייער היים אין וואַלד. אַ גוטער שאָסיי־וועג קיין בירעבידזשאַן־שטאָט. בוך דירעס — אַ קו־שטאַל אויף 200 בעהיימעס, אַ פערדשטאַל, אַ כאַזיירים־שטאַל, אַ קעלער פאַר גרינסן, אַ טוווע־שפּייב־לער א״אַנד ווירטשאַפטלעכע געביידעס; אַ קלוב, אַ זיבנ־יעריקע שול, באַזונדערע געביידעס פון דאָרפראַט, קאָאָפּע־ראַטיוו, מעדיצינישער פונקט, שפּיטאָל, וועטערינאַר־פונקט, באָד, פאָסט און א״וו. גרויסע אָראַנזשעריע. העכער 500 הפעקטן און איבער 120 בינשטאָקן. פאַרויי־שעטעך — ביז 500 העקטאַר. 120 מישפּאָכעס (500 נעפאַשעס).

קאָלווירט „א י ק אָ ר“. אָרגאַניזירט אין 1929. גע=
פינט זיך 8 קילאָמעטער פון דער אייזנבאַנסטאַנציע וואָלאָ=
טשאַיעווקע. 85 פאַמיליעס (בײַ 350 נעפאַשעס), צווישן זיי
אַ באַדייטנדיקע צאָל איבערוואַנדערער פון אויסלאַנד. פאַר=
זיי=שעטעך 120 האַ (העקטאַר). נייע 1000 האַ ווערן מע=
ליאָרירט.

קאָלווירט „אַ מ ו ר ז ע ט“ — דער ערשטער טריט
צו באַזעצן אַמורער פּאַס מיט יידישע איבערוואַנדערער
(אַמורער פּאַס געפינט זיך 280 קילאָמעטער פון צענטער).
75 פאַמיליעס (מער ווי 300 נעפאַשעס). פאַרזיי=שעטעך אין
1933 — 600 האַ. פאַרגרעסערט זיך אויפן כעשבן פון
אויפהייבן רוי=ערד. קערנער=קולטורן (ווייץ, האָבער) און
סאָיע=באָב.

קאָלווירט „ל ע נ י נ פ ע ל ד“. געשאַפן אין 1933.
האַרט לעבן אַמורזעט. 260 האַ. 25 פאַמיליעס. אין
1935 דאַרף דער קאָלווירט אויפנעמען נאָך 75 פאַמיליעס.

קאָלווירט „ר ו י ט ע ס אָ פּ ק ע“. אָרגאַניזירט אין
1933. 3 קילאָמעטער פון דער סטאַנציע בירָאַקאַן. 25
פאַמיליעס. אין 1934 — נאָך 25 פאַמיליעס. פאַרזיי=
שעטעך ביז 300 האַ. 25 הייזער, אַ שול, אַ גאָרקיך און
נאָך אַנדערע ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע גע=
ביידעס.

נייע איבערוואַנדערישע קאָלווירטן לויטן פּלאַן פון
1934:

„אַ ל ע ק ס ײ ע ו ו ק ע“ — 60 קילאָמעטער פון שטאָט
בירעבידזשאַן און 5 קילאָמעטער פון קאָלווירט בירעפעלד.
אויפן ניי=אויסגעבויטן וועג מיכאַילאָ=סעמיאָנאָווסק — בירע=
פעלד — בירעבידזשאַן. 1000 האַ צוגעגרייטע ערד. פאַראַי

אויך גרייטע 50 הייזער, שטאַלן פאַר קי און פערד, אַ שול און אַנדערע נייטיקע געביידעס. דאַרף אויפנעמען 100 פאַמיליעס.

„ניקיפעלעווע" — 45 קילאָמעטער פון דער שטאָט בירעבידזשאַן אויף, וועג בירעבידזשאַן—נאַדעזשדינאַ. אויף ביידע ברעגן פון טייכל איקורע. 200 הא גרייטע ערד.

„קאַזאַנקע" — 5 קילאָמעטער פון „ניקיפעלעווע", 50 קילאָמעטער פון בירעבידזשאַן-שטאָט. דאַרף אויפנעמען 50 פאַמיליעס.

„דעזשניאָווקע" — 140 קילאָמעטער פון בירע-בידזשאַן-שטאָט. צווישן די באַן-סטאַנציעס ניקאָלאַיעווקע און בעזשניאָווקע. פאַר 50 פאַמיליעס.

פּוזינאַ, קוואַשנינאַ און אַנדערע באַצירקן—ביים אַמורער פּאַס. דאַרפן אויפנעמען 150 פאַמיליעס. ביים אַמו-רער פּאַס געפינען זיך גאַנץ גרויסע דורכויסיקע ערד-מאַ-סיוון, וואָס קענען אויסגענוצט ווערן אָן קאָרטשעווען און אויך אָן מעליאָראַציע. דערביי זיינען דאָ אין אַ סאַך באַ-צירקן פון אַמורער פּאַס פּאַרטיקע וואוינהייזער און ווירט-שאַפטלעכע געביידעס.

די אַלע קאָלווירטן דאַרפן שאַפן אַן אייגענע דער-נערונג-באַזע פאַר דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט.

ראַטווירטן

אין בירעבידזשאַן זיינען דאָ 5 ראַטווירטן (ראַטנ-ווירטשאַפטן — מעלוכישע אונטערנעמונגען).

בירעבידזשאַנער טוועראַטווירט — פון 1930 — געפינט זיך אין סטאַלינפעלד (איצט סטאַליגסק), האַרט ביים אַמור. אין 1933 געווען דער בעסטער אין גאַנצן ווייטמיזרעכדיקן קאַנט. פאַרזיי-שעטעך 5775 הא, ווערט סיסטעמאַטיש פאַרגרעסערט. ווייץ, האָבער, סאָיע. עס ווערט אויסגעטריקנט אַ נייער ערד-מאַסיוו פון 500 האַ. 100 טראַקטערס, קאָמביינען (אַ מאַשין, וואָס שניידט און דרעשט די טוועע) און פיל אַנדערע קאָמפּליצירטע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. ביי 500 פאַמיליעס (1500 נעפאשעס). די מערהייט — איבערוואַנדערער, צווישן זיי 300 פון ליטע, וועלכע האָבן זיך דאָרטן פעסט באַזעצט אין יאָר 1931. א מאשין-טראקטער-ווארשטאט, עלעקטראָסטאנציע, א ש ל, מעדיצינישער פונקט, גאָרקיך, קלוב אאז״וו. דער פּאָליט-אָפּטייל גיט ארויס א געדרוקטע צייטונג אויף יידיש און רוסיש. טעכניקום פון סאָציאליסטישער לאנדווירטשאפט (ספּעציעלע צווייטאָקיקע געביידע). ערשטער ארויסלאָז — אין 1934. ביים טעכניקום — יערלעכע קורסן אויף צוגרייטן טראקטעריסטן. פּלאן פון 1934 יאָר — 150 איבערוואַנדערישע פאמיליעס.

וואָלאָטשייעווקער כאַזיירים-ראַטווירט — פון 1934. ביי דער באַן-סטאַנציע וואָלאָטשייעווקע, 50 קילאָמעטער פון כאַבאַראָווסק. 200 כאַזיירים — מוטערס. 100 האַ. אין ראַטווירט אַרבעטן אַ סאַך איבערוואַנדערער.

פּאָקראָווקער פּוטער-ראַטווירט — פון 1930. ביי דער סטאַנציע פּאָקראָווקע. 300 מעלקעדיקע בעהיימעס. פירט קיין כאַבאַראָווסק (20 קילאָמעטער) מילך און פּוטער. די מערהייט אַרבעטער — איבערוואַנדערער.

אַמוראַבירער פלייש-ראַטווירט — פון 1930. אויפן ערד-באַצירק נאַדעזשדינאַ — 70 קילאָמעטער פון בירעבידזשאַן-שטאָט. אין 1932 פּאַרמאַגט 250 בעהיימעס. צוליב שלעכטער אָרגאַניזאַציע און ווירטשאַפטלאָזיקייט האָט זיך די טשערעדע שטאַרק פאַרקלענערט. נאָענטסטע אויפגאַבע — מעליאָראַציע אויף 5000 הא אויף פּאַשע. ווירטשאַפטלעכער פּלאַן פון 1934 — פאַרזייען 700 הא און אויסהאָדעווען 300 בעהיימעס.

בינגאַנער בינענצוכט-ווירטשאַפט — 2 קילאָמעטער פון באַן-סטאַנציע בירא. אין 1933 — 10 טויזנט בינשטאָקן — פּראָדוקציע פון 8 ביז 10 טויזנט פּוד האָניק.

*

די בײשטאָטישע ווירטשאַפט האָט אין 1933 פאַרמאָגט אַ פאַרזיי-שעטעך פון 1247 הא. לויט די קלימאַטישע און באָדן-באַדינגונגען קען די גערטנערײַ געבן די גרעסטע געווינס. שוין אין 1934 איז די בײשטאָטישע ווירטשאַפט געוועזן באַזאָרגט מיט אייגענער זריע, אַזוי, אַז די געגנט נייטיקט זיך שוין ניט אין קיין זריע פון צענטער.

אינדוסטריע

לאָנדאָקער קאַלך-זאַוואָד — בײַ דער באַנסטאַנציע לאָנדאָקאָ, 150 קילאָמעטער פון בירעבידזשאַן-שטאָט. לויטן פּראָדוציר-פּלאַן האָט דער זאַוואָד אין 1934 נעדאַרפט געבן 10 טויזנט טאָן קאַלך. אין 1933 — מער ווי 400 אַרבעטער (70% איבערוואַנדערער): יידן, קאָרעער, רוסן,

אוקראַינער און טאָטערס. אויך אַ גרופּע אויסלענדישע ייִדישע איבערוואַנדערער פון פּאַלעסטינע, פּוילן (ווילנע), דײַטשלאַנד און בעלגיע. גוטע הײַזער, עלעקטרישע באַלײַכטונג.

זאַוואָד פון סטאַנדאַרטע הײַזער — האָלצקאָמבינאַט אין בירא, וועלכער מאַכט פּאַרטיקע טיילן, וואָס פון זיי שטעלט מען צונויף הײַזער. אָרגאַניזירט אין 1931. צוליב שלעכטער אָנפירונג אַריבער אין רעשוס פון קאָנטישן בוי-טרעסט (די אַלטע אָנפירער — צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט). אין 1931 — בײַ 300 אַרבעטער. שול, גאָרקיד, קינדערפּלאַץ און בײַשטאָטישע ווירטשאַפט.

טונגוסער האָלצזאַוואָד — בײַ דער סטאַנציע ניקאָלאַיעווקע, 26 קילאָמעטער פון כאַבאַראָווסק אויפן טײַך טונגוסקע. 2 זעג-ראַמען (גאַטערס). פּראָדוציר-פּראָגראַם אויף 1934: 18 טויזנט קובאָ-מעטער האָלצמאַטעריאַל. אויף 1935: צאָל זעגן 4. פּראָדוקציע: 50 טויזנט קובאָ-מעטער, עקספּאָרטירט געהילץ אויך קיין אויסלאַנד. אין 1933 — איבער 500 אַרבעטער. קליינע צאָל איבערוואַנדערער. גענוג דירעס און אַן אייגענע שפּײַז-באַזע.

די אײַזנבאַן-דעפּאָ — בײַ דער סטאַנציע אין, איינע פון די גרעסטע דעפּאָען אין געגנט. הויפּטרעמאָנט פון לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנעס פאַר דער אוסורער אײַזנבאַן. איינער פון די צוממערסטן באַזעצטע פּונקטן. אַ 7יעריקע אײַזנבאַן-פאַבזאַוושול. ביז 1933 — ווייניק ייִדישע אַרבעטער. אויף 1934 איז געווען פאָרויסגעזען אַ געהעריקע צאָל אַרבעטער פון צווישן איבערוואַנדערער.

גאָלד-גרובן — אויף די ברעגן פון טײַך סוטאַרע (4 פונקציאָנירנדיקע גרובן). נאָך פיל גאָלד-גרובן געפינען זיך דערהויפּט אין כינגאַנער ראַיאָן. ביז איצט — עקספּלואַטירט

אויף אַ קוסטאַרישן אופן. אין 1933 — אַ ספעציעלע געאָלאָגישע עקספעדיציע. מעכאַניזאַציע פון דער גאָלד=פראָדוקציע. 900 אַרבעטער. איבערוואַנדערער דערווײַל ווייניק.

פאַבריק „דעטאַל" — אַ גרויסע פאַבריק אין דער שטאָט בירעבידזשאַן. אין 1934 — 20.000 קובאָמעטער בוי=מאַטעריאַל. אַרבעט אויס סטאַנדאַרטע ווענט, פענסטער און טירן. פון אָפפאַל — פאַרשיידענע מעבל. אַן אייגענע עלעקטראָסטאַנציע. אַ קאַנאַל וואָס פאַראייניקט דעם טײַך בירע מיט דער טעריטאָריע פון דער פאַבריק — פאַרן האָלץ=טראַנספאָרט. מער ווי 200 אַרבעטער, דערהויפט איבערוואַנדערער. אַ באַדײַטנדיקע צאָל דירעס און צוזאַמענוואוינונגען, אַ גאָרקיך, אַ קינדער=פלאַץ און אַ קלוב. אַ גרויסער קאָלעקטיווער גאָרטן. אין 1934 — נײַע 150 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס.

ניי=פאַבריק — אין בירעבידזשאַן=שטאָט. 130 אַרבעטער. אַלע איבערוואַנדערער. אַ גוטע גאָרקיך, אַ מוסטערהאַפטער קינדער=פלאַץ און יאַסלעס. פון 1933 אַ גרויסער קאָלעקטיווער גאָרטן. פראָדוקציע אין 1934 — אויף 2190 טויזנט רובל.

אין בויאונג: מעכאַנישע וואַרשטאַטן — אין שטאָט בירעבידזשאַן — די איינציקע אין דער גאַנצער געגנט. און אַ ספעציעלער צעך צו מאַכן **טשוועקעס** — איינער פון די סאַמע דעפיציטע בוי=מאַטעריאַלן אויפן ווײַטן מיזרעך. בײַ 50 אַרבעטער — דערהויפט איבערוואַנדערער. אין 1934 — נאָך 25 פאַמיליעס. עס איז אויך פראָיעקטירט אַ רעמאָנט=מעכאַנישער זאַוואָד אויף 1000 אַרבעטער —

אַסיגנירט אַ מיליאָן רובל, דער זאַוואָד דאַרף פאַרענ־
דיקט ווערן אין 1935.

די געווערב־קאָאָפּעראַציע

ברייטע אַנטוויקלונג אַראַנק די גרויסע רעזערוון
רויוואַרג און אַראַנק דער גרויסער צאָל אָנגעקומענע
קוסטאַרן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. 20 געווערב־
אַרטעלן — מאַכן מעבל, וועגענער, ציגל, קאַלך, זייף, ליכט
און אַנדערע זאַכן פון מאַסן־געברויך. אויך ניי־אַרטעלן און
שוסטער־אַרטעלן מיט מער ווי 300 קוואַליפיצירטע קוסטאַרן.
די גרעסטע אַרטעלן געפינען זיך אין בירעבידזשאַן־שטאָט:

אַרטעל „בירעבידזשאַן“—איינער פון די ערשטע.
10 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס פון מאַלין (אוקראַינע), זיך
אָרגאַניזירט נאָך אין דער אַלטער היים. אַרבעט אויס ווינער
שטולן. אין 1933 — מער ווי 100 מיטגלידער. פּראָדוקציע —
6000 טוץ שטולן. באַוואוסט אויך איבער די גרענעצן פון
דער געגנט. דורכשניטלעכער פאַרדינסט 400 — 450 רובל
אַ חודש.

די „ראָד פון דער רעוואָלוציע“ — סטעל־
מאַכערס, אַרבעטן אויס רעדער, וועגענער, שליטנס. איבער־
וואַנדערער פון אומאַן, געקומען אָנהייב 1930. אין 1933 צו־
געקומען 50 שמידן — איבערוואַנדערער. דורכשניטלעכער
פאַרדינסט 300 רובל. פּראָדוקציע אין 1934 — 400 טויזנט
רובל.

„טעכמעבלשטשיק“ (מעכאַנישער מעבלמאַכער) —
מאַכט שטולן, אַלמערס, קושעטן אאַז"וו. 50 מיטגלידער,
אָרגאַניזירט אין 1931. הויכע קוואַליטעט פון דער פּראָ־

דוקציע. רויוואַרג — אָרטיקע גרויסע געהילץ־רעזערוון פּראָדוקציע אין 1934 — 300 טויזנט רובל.

נאָכדעם ווי אין „טעכמעבעלשטשיק" האָט זיך אַריינגענאָמען אַ צווייטער מעבל־אַרטעל, האָט דער פּאַראייניקטער אַרטעל זיך אַ נאָמען־געגעבן „דימיטראָוו".

„צ י ג ע ל ע ך" (קירפּיטשיקי) — אַ ציגל־זאַוואָד אין בירעבידזשאַן־שטאָט. מער ווי 100 אַרבעטער, דערהויפּט קאָרעער. אַ קליינע צאָל יידישע איבערוואַנדערער. אין 1933 — אַ מיליאָן ציגל. דער פּלאַן אין 1934 — אָנדערטהאַלבן מיליאָן. זייער גוטע הייזער. קינדער־פּלאַץ און יאַסלעס. אַ ספּעציעל־אויסגעבויטער קלוב פירט אַ סיסטעמאַטישע קולטור־אַרבעט.

„כ י מ כ אָ ז פּ ר אָ ד ו ק ט" — אויף דער טעריטאָריע פון „קירפּיטשיקי". מאַכט זייף, ליכט, שוכפּאַסטע, ווייִן און פּאָווידלע. גוטע רעזולטאַטן אין פּראַט פון איבעראַרבעטן ווילדע וויינטרויבן, קירבעסן און אַלערליי יאַגדעס. אלע מיטגלידער — איבערוואנדערער.

אי ן ד י ש נ יי ד ע ר יי ־ א ו ן ש ו ס ט ע ר ־ א ר ט ע ל ן אין בירעבידזשאן ־ שטאָט ארבעטן מער ווי 150 מאן. א ריי אנדערע ארטעלן, ווי „סמאָלאָקור", „רויטער קלעשטשעוויק", „ערשטער מאי" א"אנד געפינען זיך אין בירא־קאַן און אנדערע פונקטן פון דער געגנט.

אין 1934 האָט די פּראָדוקציע פון דער געווערב־קאָאָפּעראַציע באַטראָפן 9 מיליאָן רובל.

דער האַנדל

זינט 1928 האָט דער האַנדל אין בירעבידזשאַן זיך שטאַרק אַנטוויקלט. אין 1930 לעמאָשל האָט דער האַנדלס־אומזאַץ באַטראָפן 4.2 מיליאָן רובל, אין 1934 — שוין 12 מיליאָן.

בילדונג און היילונג

אין דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט זיינען דאָ רוסישע, יידישע, קאַרעאישע און אוקראַינישע שולן. 4־יאָריקע שולן זיינען דאָ 54; 7־יעריקע — 17; פאַבזאַווּשולן (פאַבריק־זאַוואָדישע שולן) — 6. אין די 77 שולן האָבן זיך אין 1934 געלערנט 7347 קינדער. אַלע קינדער פון שול־עלטער באַזוכן אַ שול (אין דער שטאָט בירעבידזשאַן פונקציאָנירן אויך צוויי 10קלאַסיקע שולן — אַ יידישע און אַ רוסישע).

75 פּראָצענט קינדער פון פאַרשול־עלטער ווערן באַדינט אין פאַרשול־אַנשטאַלטן. אין דער געגנט זיינען פאַראַן 38 קינדער־פּלעצער מיט מער ווי 1000 קינדער און 40 יאַסלעס מיט דער זעלביקער צאָל קינדער.

צוזאַמען ווערן קאַרגע 10000 קינדער באַזאָרגט פון דער רעגירונג און פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט מיט שולן, קינדער־פּלעצער און יאַסלעס.

אין דער געגנט זיינען אויך פאַראַן 24 לייענשטיבלעך און 6 קלובן.

די צאָל טעלעפאָנען און ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אין געגנט איז פאַר די לעצטע פאַר יאָר שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן.

ערגער איז די לאַגע מיט דער מעדיצינישער באַדינונג. כוצן בירעבידזשאַנער שפּיטאָל, זיינען פאַראַן קליינע שפּיטאָלן אין 8 פּונקטן (פון 4 ביז 10 בעטלעך), וואָס ווערן באַדינט בלויז פון מיטעלן מעדיצינישן פּערסאָנאַל. אין אַ גרויסער צאָל באַזעצטע פּונקטן זיינען דאָ מעדיצינישע פּאָסטנס, וואָס קומען צו הילף אין אַ נייטיקן פאַל און אָרגאַניזירן דאָס אָפּשיקן דעם קראַנקן אין נאָענטסטן שפּיטאָל.

*

35 קילאָמעטער פון דער סטאַנציע בירעקאַן ליגט דער קוראָרט „קולדור". קולדור באַטייט אין דער טונגוסישער שפּראַך „הייס". און דער נאָמען נעמט זיך דערפון, וואָס די אנטדעקטע קוואלן זיינען הייסע, דערגרייכנדיק ביז 71 גראַד היץ.

די קוואלן זיינען אנטדעקט געוואָרן נאָך אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט דורך די דאָרטיקע איינוואוינער, די טונגוסן. די טונגוסן-יעגער האָבן באַמערקט, אַז פאַרוואונדעטע כאַיעס לויפן צו די דאָזיקע קוואלן. זיי האָבן דערפאַר אליין גענומען ניצן די קוואלן און האָבן אויסגעפונען, אַז זיי היילן פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן. אין 1915 האָט מען צוגעשטעלט דער רעגירונג א פּראָיעקט וועגן בויען דאָרט א קוראָרט, אָבער די צארישע רעגירונג האָט זיך דערפון אנטזאגט. ערשט אין 1923 איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דעם קוראָרט קולדור.

איצט פאַרמאָגט דער קוראָרט פיר סאַנאַטאָריעס מיט 350 בעטלעך, א פּאָליקליניק, אן אָפּטיילונג פאַר דאַמף-וואַנעס, אַ לאַבאָראַטאָריע און אַנדערע איינריכטונגען. אין צו-

זאמענהאנג מיט דער פארוואנדלונג פון בירעבידזשאן אין א יידישער אווטאנאמער געגנט ווערט פראיעקטירט צו פאר־גרעסערן דעם קוראַרט, ער זאָל באַדינען 30.000 מענטשן יערלעך.

(גענויער וועגן די בילדונגס־אַנשטאַלטן און קולטור־שטייגערישע אינסטיטוציעס פון בירעבידזשאַן — אין די אינפאָרמאַציעס וועגן די באַזונדערע יישובים).

(לויט מ. דרויאנאָוו: „די יידישע אווטאָנאָמע געגנט", מאָסקווע, 1934 און אנדערע קוועלן)



סימאָנים
קאָלך
אײַזן
מאַגנעזיט
גראַפיט
גאָלדגעווערבן
גאָלדזאַמד
אײַזנבאַן
כאַבאַראָווסק
ניקאָלאַיעווקע
פּאָקראָווקע
סמידאָוויטש
סמידאָוויטשער ראַיאָן
וואַלדהיים
133°
134°
135°
48°


די יידישע אויטאנאמע געגנט
(בירעבידזשאן)
מאַסשטאַב
קיל.
131°
132°
48°
49°
קולדור
ראַדע
כינגאַן
בירדזשאַן
סטאַלינסק
אַמור
131°
132° צו מיזרעך פון גרינוויטש

בירעבידזשאַן אין דער ליטעראַטור

נאָך אינדערהיים אָדער א האַקראָמע

(ערשטער קאַפּיטל פון „בירעבידזשאַן" פון מ. אַלבערטאָן)

דער כ׳ אַלבערטאָן, א יונגער פּראָלעטאַרישער יידישער שרייבער, האָט געמאַכט אַ גוטן אָנהייב. צוזאַמען מיט די איבערוואַנדערער האָט ער זיך געלאָזט אין לאַנגן פּירוואָכיקן וועג פון שטעטל ביז בירעבידזשאַן, געגוי־באַבאַכט און דערלערנט די גוטע און שלעכטע זייטן, וואַקלונגען און ספּייקעס, קאַמף צווישן געזונטע און צעפוילטע עלעמענטן. ער האָט לאַנג פאַרבראַכט צווישן די איבערוואַנדערער, צווישן די וואָס האָבן אין דער פולער מאָס באַנומען די היסטאָרישע וויכטיקייט און אומפאַרמיידלעכקייט פון אַריבערגאַנג צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, און צווישן די וואָס באַטראַכטן די גאַנצע איבער־וואַנדערונג ווי א ספּאָרט, א פּרוּוו פון מאַזל, און נאָך ניט דערגרייכנדיק דעם ענדע־פּונקט — בירעבידזשאַן — קוקן זיי שוין אויף צוריק. צוזאַמען מיט די איבער־וואַנדערער האָט ער איבערגעלעבט דעם אויפשוואונג פון ענטוזיאַזם און אַנטוישונגען, געליטן פון גרויסע נוסרעגנס און גנוס, געפילט אויף זיך די שוועריקייטן פון ניט־צוגעגרייטקייט פון אַפּאַראַט, און דאָס אַלץ באַשריבן אין לעבעדיקע קינסטלערישע בילדער...

פון מ. קיפּערס „פאָרוואָרט" צו מ. אַלבערטאָנס „בירעבידזשאַן" (כאַרקאָוו, 1931, 2טע אויסגעבעסערטע אויפלאַגע).

מיכל איז געקומען שפּעט בײַנאַכט.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער פֿינצטערער באַשקע *), אָנגעטאַפּט דעם װעג צום ברײטן הילצערנעם בעט, װאָס שטײט אין דער „מאַמעס אַלקער״, און געזאָגט האָט מיכל דער שװער־אָטעמענדיקער װײַב, אַז ער פֿאָרט. אָפּגערעדט, ער פֿאָרט.

— װאוהין? — האָט זיך קײלע אַ כאַפּ געטאָן.

— טאַקע אַהינצו קײן בערבידזשאַן.

— זאָל איך ניט דערלעבן אױסטראָגן, אײבער דו פֿאָרסט.

... מיכל איז נאָך אַ ביסל געשטאַנען אינעם אָנטאָן, געשװיגן און זיך צוגעהערט. פֿון יענעם צימער, פֿון דער „שטוב״, האָט זיך דערטראָגן אַ קינדערש כראָפּען פֿון געשמאַק שלאָפֿן. צװישן כראָפּען האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ שורשען פֿון אָן אַ שיר טאַראַקאַנעס איבער די נאַסע קעלער־װענט. יאָ, און נאָכדעם האָט זיך דורך די נידעריקע פֿענצטערלעך געזען אַ קלײן לעמפּל בײַ בענטשיק דעם טאַנדעטניק אין שטיבל. דאָס שטיבל שטײט אַנטקעגן, איבער דער גאַס.

מיכל האָט זיך נאָך אַלץ ניט אױסגעטאָן. ער האָט אַצינד ניט געהערט דאָס קינדערשע כראָפּען. ער האָט נאָר געזען דורך די פֿענצטער, װי בענטשיק הײבט זיך אױף, געגעצט, נאָכדעם טוט ער אױס דעם פּידזשאַק און קוקט זיך אײַן אין קאָלנער.

— װאָס אי דער כידעש, אַז ס'אַזאַ שמאָל געסל — איז מיכלען דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק — ניט ברײטער פֿון

---

*) קעלער־שטוב.

אַ קליין צימער איז די גאַנצע גאַס. — מיכל האָט דוכט זיך געהערט, ווי יענער, דער טאַנדעטניק, טוט אוים די שיך און גייט אום באָרוועס מיט זיינע ברייטע טריט איבער דער ערדענער פאָדלאָגע. און ווען ער האָט פלוצלונג דערהערט:

— וואָס שטייסטו ווי אַ יוויל? גיי שוין לייג זיך שלאָפן, אַ כאָליערע אויף דיר...

האָט מיכל ניט געוואוסט, צי דאָס האָט אים געזאָגט זיין קיילע, צי דאָס האָט גאָר געזאָגט בענטשיקן מינדל שלאַק, בענטשיקס ווייב.

— פליוך! — האָט מיכל פלוצלונג דערהערט לעבן זיין פענצטער. און נאָכאַמאָל:

— פליוך!

ווייזט אוים — מאָרגן וועט גיין אַ רעגן. די שכיינים גיסן שוין אוים די עמערם מיט פאַסקודסטווע אין גאַס. — ווייזט אוים, מאָרגן וועט שוין גיין אַ רעגן. און מיכל האָט גאָרניט באַמערקט, ס'זאָל זיין כמאַרנע. ווען ער איז געגאַנ־גען אַהיים, זיינען דוכט זיך געווען שטערן אויפן הימל. און עפשער ניין?

— נו, לייג זיך שוין אַמאָל אריין אין געהאַקטע וואונדן! — האָט קיילע נאָכאַמאָל דערמאָנט.

מיכל האָט זיך נאָך געגעבן עטלעכע קראַץ און זיך אוועקגעלייגט אויפן ברעג בעט, קימאַט אויפן סאַמע קאַנט. ער האָט ניט געוואָלט קיילען דערקוטשען און איבערגע־טראַכט, וואָס עפעס אַזוינס זאָגן דער ווייב, זי זאָל אויף אים ניט אָנפאַלן.

— איך פאָכע מיט דער נעשאָמע און ער פאַרגעט שוין.

— זיי וועלן אַרויסגעבן אַ היפש ביסל קרעדיטן — איז מיכלען איינגעפאַלן צו זאָגן.

— עפן אויף דיין נאַרישן פּיסק, וועלן זיי דיר אַריינשטופּן אַ גרויסע פּייַג — האָט קיילע געענטפערט בייז, נאָר מיכל האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב קיילע האָט אַליין איצט ניט אַ טויטשע געטאָן אים אַ גרויסע פּייַג אין מויל אַרייַן, איז ניט שרעקלעך. נאָך איין זאַך זאָגן און ער וועט זי איבערבעטן.

— דער היגער אָזעט האָט אויף זיך גענומען אָפּהיטן די פאַמיליעס ווי אַן אויג אין קאָפּ.

מער האָט מיכל גאָרניט געזאָגט. אַדערבּאַבע, קיילע האָט זיך אָפּגערופן:

— ליב האָבן און צוזאָגן קאָסט קיין געלט ניט.

נאָר מיכל האָט אין די ווערטער געפילט, אַז קיילע איז שוין אַ האָר ניט בייז. מיכל פילט זיך איצטער גוט. ער וועט באַלד דערציילן קיילען אַלץ פון מיטינג, וועגן בירעבידזשאַן און פאַרוואָס פאָרט ער.

... ווי דער רעדנער האָט עס גערעדט! אָן שיר מענטשן האָבן געוויינט. „מע דאַרף אַרויסשלעפּן די יידע־לעך — האָט דער רעדנער געשריען — פון די פאַרשטיקטע געסלעך אויפן ברייטן וועג פון סאָציאַליזם”... נאָר דאָס איז גאָרניט. ער האָט געשריען, דער רעדנער, אַז דאָרטן וועלן אַרבעטן אַלע יידן. אַפילו די שענסטע יידן וועלן אַרבעטן. ער האָט נאָך געזאָגט, דער רעדנער, אַז אַרבעט איז פאַראַנען פון ערשטן טאָג איבערן קאָפּ. און פאַר דער האָרעוואַניע באַקומט מען גוטע סבירעס.

— האַלעווײַ, גאָטעניו, — האָט די ווייב אונטער־געהאַלטן — כאָטש אַ האַלב זאָל זיין עמעס. — און גלייך זיך דערמאָנט:

כ׳בעט דיך, מיכל, עפּעס אַזוי איז שוין דאָרטן אַלצדינג פּאַרטיק?

— זי פרעגט נאָך. נאַרעלע, יעדער פּיצעלע פּאַר אונז פּאַרטיק. אַפילע באַראַקעם איז דאָרטן דאָ. גאָר ניט אין שטיבער. בעסער אין באַראַקעם וועט מען וואוינען.

מיכל האָט זיך אונטער דער קאָלדרע אַרויפגערוקט אויפן קישן און איז אויסגעקומען קעגן קיילעס פּאָנעם. איצט זעט זי געווים, ווי מיכל רעדט מיט אַן אימפּעט, אַז אַהינצו, נאָר אַהינצו דאַרף מען פאָרן. ער, מיט זיינע צוויי גאָלדענע הענט, וועט דאָרטן גליקלעך ווערן. ווי „זיי דאַרפן עס דאָרטן האָבן רימערס, סטעלמאַכערס, אַלערליי באַלמעלאָכעס”. אַנו, גיב נאָר אַזוי פיל אַרבעט, וויפיל מיכל וועט זיי מאַכן.

מיכל טוליעט צו זיין צעפּ׳עטשטע נאָז צו איר לאַנגער און רעדט, עלעהיי ער זינגט: ווען מיכלס טאַטע איז געשטאָרבן האָט ער איבערגעלאָזט די קינדער בלויז עטלעכע סטרוזשקעלעך, טרוקענע סטרוזשקעלעך און מער גאָרניט. וואָס איז סטרוזשקעס? — מען הייצט זיי אוים אויפן פריפּעטשיק, אָדער מען פלאַמט מיט זיי דורך אַן אויוון און שוין. און מיכל וועט שוין איבערלאָזן זיינע קינדער אַ באַלעבאַטישקייט: ערד, אַ גאָרטן און אַלצדינג, וואָס קינדער דאַרפן האָבן.

— הערסט, קיילע?

קיילע האָט ניט געענטפערט. זי האָט שווער געסאָפּעט דורך דער לאַנגער אָפּגעצויגענער נאָז. זע נאָר: מיכל דאַרף איר ערשט איצט אויסדערציילן פון דאָרטן, וועגן בירעבידזשאַן, און זי שלאָפט גאָר.

מיכל האָט זיך אַוועקגעלייגט מיטן פּאָנים אַרויף און פאַר זיך אַליין געטראַכט. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט דעם גאַנצן מיטינג אויף אויסנווייניק. אַלץ איז אים

דאָרטן געווען געפעלן. דער רעדנער האָט אַזוי געשמייכלט, געווען מונטער. ער האָט זיך געשנייצט אין פאַטשיילעכל אַריין, גאָרניט אויפן פאָל, נאָר מאַמעש אין פאַטשיילעכל, און אַלע האָבן זייער געפּליעסקעט.

יע, איין זאַך קריכט עפּעס ניט אַזוי אין קאָפּ אַריין: דער רעדנער האָט עפּעס גערעדט, נאָר ער האָט זיך אָנגע־בויגן אויפהייבן אַ צעטעלע און מיכל האָט זיך פאַרקוקט און ניט גוט פאַרשטאַנען: „אַז בירעבידזשאַן טויג פאַר ייִדן, האָבן נאָך זיי, די... די עקספּעדיציע געזאָגט. איצט, צי טויגט איר פאַר בירעבידזשאַן, דאַרפט איר אַליין ענטפערן...“ איז וואָס־זשע הייסט עס?..

מיכל האָט אַ צי געטאָן אַ ביסל לייכעך און אויס־געשפּיגן:

— אָט די פאַרשווינדלעך, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן... מיט פאַרשווינען דאַרף מען זיין געהיט.

נאָך מיכלס מיינונג דאַרף מען שיקן אַזעלכע, וואָס... וואָס, נו, אַזעלכע פיינע פאַרשווינדלעך. דעראיקער אַזעלכע, וואָס קענען פאַלן אויף אַ רעכטן סייכל און זיך ניט פאַר־לירן. ניין, דערשרעקן טאָר מען זיך ניט. פאַרן גרעסטן גענעראַל זיך ניט דערשרעקן.

מיכל האָט זיך אויסגעקערעוועט אויף דער זייט און געקוקט אין דרויסן. סאַבאַקל זיינען די שייבלעך צונויפגע־שטעלט פון פיצלעך גלאָז, און אַז מען גיסט די עמערס מיט פּאַסקודסטווע, רינט צראָפּ אין קעלער אַריין און סע שטינקט שוין דאָ אויך.. יע, גוט וואָס עס גייט צו זומער. ווארעם אינדערהיים בלייבן קיינאָרע פיר קינדער און איינס ביי איר אין בויך... פּלוצלונג האָט זיך מיכל געטאָן אַ רוק אָפּ צום קאַנט פון בעט. ער האָט ביז געקוקט אויף קיילען,

לאַנג געקוקט. און לעסאָף געקומען צום באַשלוס, אַז ער פאָרט. ניטאָ וואָס אָנצוווערן.

האַגאַם די מוזיקע געפעלט ניט מיכלען. ליגט דאָ ניט עפעס אַ שפיצל? זיי ווילן, דאַכט זיך, פאַרשפילן די ציין?.. און עפשער ניט. אויב דאָ איז אַזוי פריילעך, ווי וועט שוין דאָרטן זיין? אומעטיק וועט שוין דאָרטן ניט זיין. און סיי-ווי ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן. מען וועט זיך אַן אייצע געבן. אָפגערעדט. מיכל פאָרט... נאָר וועגן די קינדער... און קיילע מיטן בויך... נאָר לאָזט אָפ. איצט ווילט זיך שלאָפן...

שאַ, האָט צינדט מען אָן אַ שוועבעלע ביי בענטשיק דעם טאַנדעטניק אין שטוב. ס'קער אים בייסן, זוכט ער. וואָס זוכט ער אַ שטייגער?

— הער זיך שוין אויף צו דרייען — האָט מיכל פלוצלונג דערהערט — נאָר ער האָט ניט געוואוסט, ווער האָט דאָס געזאָגט: זיין קיילע? צי גאָר בענטשיקס ווייב — מינדל שלאַק?

וואָס-זשע, אַז דאָס געסל איז אַזוי שמאָל — הערט מען וואָס די שכיינים ריידן, און אַז קיין איין אָפטרעט איז ביי די שטיבער ניטאָ — גיסט מען ערעוו אַ רעגן די עמערס. שטינקט דאָס שרעקלעך.

— פוי!..

מיכל האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע און זיך געסטאַרעט אַנטשלאָפן ווערן. ס'האָט אים אָבער ווייגעטאָן דער קאָפ און ער האָט זיך אָפגעדעקט צוריק. איצט האָט ער שוין ווידעראַמאָל דערהערט דאָס געשמאַקע כראָפען פון די קינדער אין יענעם צימער, אין דער גרויסער „שטוב". און צווישן דעם כראָפען האָבן שטאַרק עקלדיק געשורשעט טאַראַקאַנעס איבער די נאַסע ווענט פונעם קעלער...

זאַקס גראָבט אַ ברונעם

(פון 10טן קאַפּיטל „בירעבידזשאַנער"
פון ד. בערגעלסאָן)

אויב די צייטן, ווען זאַקס האָט אין ווילנע געאַרבעט ווי אַ שוואַרצאַרבעטער אויף אַ געהילצסקלאַד, און אַפילע די היימלאָזע מילכאָמע־יאָרן האָבן אין זיין קליינער האַר־טער באָרד גרוי געמאַכט בלויז איינציקע שוואַרצע האָר, ווערט אים איצט די מײַסע מיטן ברונעם אין איין שטיי־דריי גרוי מאַכן איננאַנצן. אַלץ איז געגאַנגען גלאַט, ווי אויף פּוטער: ער, זאַקס, האָט אינאיינעם מיט שימקען געפונען דעם פּלאַץ דאָ אין דער טײַגע, צונויפגענומען אַרום זיך אַ גרופּע מענטשן, געזאָגט אין קאָנטאָר:

— „יאָ, כ'וויל האָרעווען, נאָר סע זאָל דערפון עפּעס אַרויסקומען".

מע האָט צונויפגענומען אַרום זיך די מענטשן, מע האָט באַקומען די „קרעדיטן", מע האָט זיך אַ נעם געטאָן אַלע אינאיינעם — מעט איבערקערן וועלטן, מע וועט אויס־בויען עפּעס אַן אַנטיק דאָ אין דער טײַגע. שימקע האָט שוין אַפילע געהאַט געזאָגט:

— „וואַרט... מע וועט וועגן אונז אַמאָל דערהערן אין מאָסקווע".

— „מע וועט נאָך וועגן אונז אַמאָל ריידן אין קרעמל".

און פּלוצלונג — נאַ... דערגראָבּט מען זיך ניט צו וואַסער, ווערט צעדרייט די גאַנצע זאַך. אויס שיינער באַלעם. און דאָ ווערט נאָך פון טאָג צו טאָג ערגער — ניט געננוג, וואָס מע דערגרונט־עוועט זיך ניט צו וואַסער, שטויסט מען זיך בּיים גראָבּן אָפּט אָן אויף שיכטן, וואָס זיינען האַרט ווי שטיינער. דער שאַרפסטער גראָבּאייזן נעמט זיי ניט. אין טיף־אויסגעגראָבּענעם בּרונעם־לאָך איז דער פּלאַץ צו קליין אויף צו פונאַנדערגיין זיך ווי געהעריק מיט דער קירקע. מער ווי איין מענטש קאָן דאָרט ניט אַרבּעטן, און ניט יעדן גלוסט זיך אַהין קריכן — אָט־אָט וועט מען אָנהייבּן אונטערצובּורטשען.

אין דער אַרויסגעצוויגענער אויסגעליידיקטער בּאַריאַ שטעלט זיך דענסטמאָל אַריין זאַקס אַליין. מע לאָזט אים פּאַמעלעך אַראָפּ מיטן שטריק אין דער טיף און מען הערט נאָכדעם גאַנצע שאָען, ווי ער האַקט דאָרט מיט דער קירקע — האַקט און האַקט אָן אויפהער. סע ווערט נימעס צו הערן, מע שרייט צו אים אין גרוב אַריין:

— נו ?

— וואָס הערט זיך ?

זאַקס ענטפערט ניט, דעריבּער דאַכט זיך, אַז ער געפינט זיך זייער טיף אונטער דער ערד — אַזש ערגעץ אויף יענער וועלט געפינט ער זיך, און זאָל מען צו אים שרייען, געוואַלדעווען — ער וועט סיי־ווי־סיי ניט דערהערן. אויבּ ער ציט דאָרט פּאַרן שטריק, איז עס אַ סימען, אַז די בּאַדיאַ איז לעבּן אים שוין פול מיט ערד, צי מיט ליים — מע הייבּט זי אָן אַרויסציען, קעדיי נאָכדעם זי ליידיק צו־

ריק אַראָפּלאָזן. מייער רימער — איינער פון יענע, וואָס דרייען דאָס זעקסקאַנטיקע רעדל און שלעפּן דעם שטריק מיט דער באַדיאַ, — הייבט זיך אָן מעשאַער צו זיין:

— ווער וויים?.. מע גראָבט שוין אַזוי לאַנג.

— עפּשער וועט מען זיך דערגראָבן צו גאָלד אָדער צו טייערע שטיינער.

— סע אַ געלעכטער? — דאָ אין דער טאָגע האָט מען נאָך קיינמאָל ניט געגראָבן.

איינמאָל, ווי נאָר מע האָט די אויסגעליידיקטע באַדיאַ טיף אַראָפּגעלאָזט, האָט מען גלייך באַמערקט, אַז זאַקס ציט טיף אין גרוב פּאַרן שטריק — גאָר אַנדערש, ווי אַלעמאָל ציט ער. מע האָט זיך אַ כאַפּ געגעבן שלעפּן צוריק דעם שטריק. מע האָט געמיינט איינס פון די ביידע: אָדער ער האָט דאָרט פּלוצלונג זיך דערגראָבן צו וואַסער, אָדער ער האָט עפּשער ווירקלעך, ווי מייער זאָגט, אָנגעטראָפן אויף גאָלד אָדער אויף עפּעס אַן אַנדער מין אויצער. נאָר אַז מע האָט די באַדיאַ העכער אַ האַלב אַרויסגעצויגן, האָט מען גלייך דערזען — דער עמעסער „אויצער" — אין באַדיאַ איז זייער איינגעהויקערט, קימאַט צונויפגעלייגט אינצווייען געזעסן זאַקס. ער האָט געבאַלעשט און סע האָט אַ ביסל געדויערט ביז מע האָט אים אָפּגעמינטערט. מע האָט געוואָלט ביי אים דערגיין:

— וואָס איז געשען?

— אַ שלעכטע לופט אונטן?

— גאַנץ אַזוינע, צי עפּעס אַנדערש?

נאָר זאַקס האָט געשוויגן. אָפּגערוט אַ ביסל, האָט ער זיך אַריינגעשטעלט אין דער באַדיאַ און ווידער אַ וואונק געטאָן, מע זאָל אים אין ברונעם־גרוב אַראָפּלאָזן. ער האָט

פאַרשפּאָרט צו ריידן — ווײַנע מאַט־שוואַרצע אויגן האָבן ווי אויסגעשפּריצט מיט פונקען:

— אָדער זיך דאָ דערגראָבן צו וואַסער.

— אָדער דאָ וועט זײַן מײַן קייווער.

— — — — — — — — — — — —

... יודל ליפּשיץ שלאָפט ניט. אין פינצטערן באַראַקל, הערט ער, האָט זיך עמעצער אויפגעכאַפּט און זיך אויפגעזעצט— זיך אויפגעזעצט שטיל, אָן אַ מינדסטן זיפץ צי אַ קרעכץ, ווי אויך צו פאַרטראַכטן זיך, זיך גענומען אָנטאָן, שלעפּן אויף זיך די שטיוול, אויפגעריבן אַ שוועבעלע — עס איז זאַקס. דאָס צינדט ער אָן דעם לאַמטערן. ער וועקט אויך שימקען. טשעקאַווע! — וואָס וועלן זיי טאָן? בײַ יודל ליפּשיץ קלאַפּט אַזש אין האַרצן: צי האָבן זאַקס און שימקע זיך ניט אַרומגעקוקט אויף דער „כאַסענע״, וואָס זיי האָבן מיטן „געפונענעם פּלאַץ״ דאָ אין וואַלד אָנגעאַרבעט? צי האָבן זיי זיך שוין ניט דערטראַכט, אַז אָן אַ ברונעם וועט מען דאָ אומקומען און אַז זיי — די אויסגעפינער פונעם פּלאַץ — וועט מען דאָ סאָפּקאָלסאָף צערײַסן אויף שטיקער...

יודלען טוט דערפון אַזש אַ טיאָך אין האַרצן: דאָס האָבן זיי באַשלאָסן איצט, אינמיטן דער נאַכט, מאַכן פונ־דאַנען די פּלייטע! אָט גייען זיי ביידע אַרויס מיטן לאַמטערן... ס׳איז אַן אָפּגערעדטע זאַך. מע זעט ניט? זיי מאַכן איצט דעם „וואַיִוורראַך״... ליפּשיץ שלעפּט אויף זיך אין אײַלעניש די שטיוול, דאָס אַלטע קורצע טולופּל. בײַ אים ציטערן הענט און פיס — ער וועט זיי כאַפּן, די גאַנאָווים, מיט דער גנייווע אין די הענט... אים, ליפּשיצן, פירט מען ניט בײַ דער נאָז. איז שוין קלאָר וועגן וואָס זיי האָבן נעכטן זיך געשושקעט מיטן אַגראָנאָם — דאָס אַפּאָנעם האָט

זיי יענער געגעבן די אייצע, זיי זאָלן ביינאַכט אַנטלויפן פונדאַנען. אויב אַזוי, איז האַלט זיך אַ קאַפּעלע איין...

ליפשיץ האָט מוירע, אַז ער פאַרשפעטיקט — איידער ער וועט זיך רירן, וועלן שוין יענע זיין פאַרשוואונדן. נאָר ניין... וואָס זאָל דאָס הייסן.

ווען ער יאָגט אַרויס אין פינצטערן דרויסן, דערזעט ער, אַז יענע מיטן לאַמטערן זיינען נאָך גאָרניט ווייט אַוועק. זיי פּאָרען זיך מיט עפּעס דאָ ניט ווייט צווישן די ביימער. זיי ריידן צווישן זיך פאַרשלאָפענערהייט מיט שטילע גע-צייגלטע ווערטער, ווי מענטשן וואָס האָבן איינער פאַרן אַנדערן נאָך אַלץ גרויס אָפּשיי, ניט ווי גאַנאָווים — שוין געזען, פּאָשעטע גאַנאָווים זאָלן „אירצן” איינער דעם אַנדערן? זאַקס ענטפערט שימקען:

— ... טאַקע דאָס האָב איך זיך אויפגעכאַפּט... איך כאַפּ זיך אויף און דערמאָן זיך: וואָס איז עס פאַר אַ מײַ-סע? — נעכטן פאַרנאַכט, איידער איך בין אַרויס פון ברונעם-גרוב, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין איין ווינקל איז דאָרט די ערד פּײַבטלעך... דער קאָפּ איז געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז כ'האָב אַפילו רעכט קיין קוק ניט געטאָן. ערשט דאָ אינמיטן דער נאַכט, עפּעס ווי נאָך אין שלאָף, איך טו זיך אַ דרעכע — און מיר קומט אַרויף דער געדאַנק: מע דאַרף אַ קוק טאָן.

זיי נעמען דעם לאַנגן לייטער, לאָזן אים אַריין אין ברונעם-גרוב; זאַקס מיטן לאַמטערן אין האַנט לאָזט זיך אַהין אַראָפּ. דערנאָך שלעפּט שימקע פון דאָרט אַרויס דעם לייטער, לאָזט אַהין אַראָפּ די ליידיקע באַדיאַ און שטעלט זיך אַוועק ביים זעקסקאַנטיקן רעדל, גרייט איינער אַליין די באַדיאַ מיט ערד אַרויסצושלעפּן. בײַנאַכטיק-ניכטער

סקריפעט בייז דאָס רעדל ביי יעדן דריי. אין דער שטיל־קייט הערט זיך, ווי טיף אין ברונעם־גרוב האַקט זאַקס מיט דער קירקע, גראָבט און גראָבט און טוט דאָרט אין דער מיט אַן אומקלאָרן ברום:

— נאַ !.. ב־ס־ס־ער !

פון אויבן באַזוערט איבער דעם געשריי שימקע:

— נאָס ?..

— וואָסער ? !

ווי אַן אָקס דרייט ער איינער אַליין מיט אַלע קוי־בעס דאָס רעדל. שפּאַרט זיך צו דעם אָרט מיט דער ברוסט, מיט איין זייט, מיט דער צווייטער זייט, מיט די אַקסלען, לייגט זיך אָן אויף דעם, נעמט צו הילף די האַלדז־מוסקלען און שטופּט דאָס רעדל מיטן קאָפּ, ווי אַ ווילדער באָק. עס הערט זיך זיין שווערער באַרבלענדיקער אָטעם. ער בלייבט שטיין, שפּאַרט זיך, ווי אין באַלאָשעס, מיטן רוקן צום רעדל, אָטעמט אָפּ און שלעפּט ווידער. אָט־אָט איז די באַדיאַ שוין פון אויבן. אין איר בליופעט זיך עפּעס לעבע־דיקס. דאָס רעדל קרעכצט, שימקע סאָפּעט, שנאָרכט, באָרכלט.

ער וועט ניט באַוויזן אויפצוהאַלטן דאָס רעדל, ווי אונטערצוכאַפּן די אַרויסגעשלעפּטע באַדיאַ. אויב די באַדיאַ וועט זיך אַרויסגליטשן פון זיינע הענט, וועט זי מיטאַמאָל אַראָפּפאַלן צוריק אין ברונעם־גרוב און וועט דאָרט דער־האַרגענען זאַקסן. שימקע שפּאַרט זיך ווידער מיטן רוקן צום רעדל, האַמעוועט און שרייט נאָך הילף:

— ראַטעוועט !

— אַהער!

— בעני !...

מיט טויזנטער ווידערקוילעס צעלויפן זיך זיינע געשרייען איבערן אַרומיקן וואַלד. די טײַגע איז צו זיי קאַלט און טויט, ווי אַ יאַם צו אַן אונטערגייענדיקער שיף. צום באַראַק איז ווייטלעך... ניט אַזוי גיך וועט מען דאָרט די געשרייען דערהערן. יודל ליפשיץ איז דערשראָקן.

— מע האָט דערגרונטעוועט וואַסער !..

ער קוקט פון דער זייט אַ פאַרגליווערטער. אים קומט אַפילע ניט אַרויף דער געדאַנק, אַז ס'איז מעגלעך, ער זאָל צוגיין העלפן. אים גייט ניט אָן, וואָס די באַדיאַ וועט זיך אָט־אָט אַרויסרייסן פון שימקעס הענט און וועט טיף אין ברונעם דערהאַרגענען זאַקסן, כאָטש אויך וועגן דעם טראַכט ער ניט — ער איז פאַרגליווערט. אין באַראַקל האָט מען שוין דערהערט שימקעס גוואַלדן און מע לאָזט זיך אַהער. מע וועט זיך דערוויסן, אַז ליפשיץ איז דאָ די גאַנצע צייט געשטאַנען און צוגעקוקט. ליפשיץ טאָר דאָ מער ניט בלייבן — דאָס פילט ער פאַרגליווערטערהייט. ער לאָזט זיך לויפן אין דער אַנדערער זייט, צו דער טײַגע צו, פאַרטשעפּעט זיך אָן אַ וואָרצל, אָן אָנגעוואַלגערטע צווייגן און לויפט ווייטער. פון אונטן הערט ער פרייַלעכע קוילעס — טאָקע פון זיי וויל ער אַנטלויפן וואָס ווייטער — אויף שטענדיק, זיך מער קיינמאָל ניט אומקערן צוריק. די לופט אין וואַלד ווערט פון מאָל צו מאָל מער גרוי. עס הייבט אָן טאָגן. ליפשיץ בלייבט שטיין:

— וואוהין לויפן ?...

אין דורכגעהאַקטן וואַלד, דאָרט וואו מע בויט די דריי הייזער, ווערן די קוילעס אַלץ געדיכטער און פריי־

לעבער, מיט זיי זיינען פול אַלע ווינקעלעך פון דער טײַגע, ווי מיט אַן אַ שיר געקייפּלטע פּסורעם:

— ויך דערגראָבן!

— געפונען!

— וואַסער!

זיבעציק טויזנט פור היי

(פון לעצטן קאַפּיטל „בירעבידזשאַנער אויפן אַמור״
פון מ. גאָלדשטיין)

... פאַרטאָג איז דער אַמור געוואָרן רואיקער. דער גרויער נעפּל פון די בערג איז צעגאַנגען און די זון איז אַרויסגעקראָכן פון הינטער די בערג. ריווקין האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויף סאָקאָלן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַ קוק טאָן, צי קען מען נאָך אַרבעטן. זיצנדיק אויפן פערד האָט ער דערזען די טייכלעך, וואָס זיינען איבער נאַכט צוגעקומען אויפן אינזל, און די וואָס זיינען שוין פון פריער געווען, האָבן זיך אַזוי פאַרגרעסערט, אַז נאָך איין טאָג וועלן זיי זיך אַלע פאַראייניקן און פאַרגיסן קימאַט דעם גאַנצן אינזל.

צו די קאָפּנעס האָט שוין געפירט אַ וואַסערוועג. דאָס וואַסער האָט דערגרייכט ביז סאָקאָלס בויך. די קאָפּנעס זיינען געווען האַלב פאַרטרונקען. נאָך איין טאָג און זיי וועלן אינגאַנצן דערטרונקען ווערן. ריווקין האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן מיט די אויגן דעם אַרום, אַרומגעריטן דעם פּלאַץ און אויסגעפינענדיק דאָס העכסטע אָרט, וואו דאָס וואַסער איז נאָך ניט צוגעקומען, האָט ער אַ דריי געטאָן סאָקאָלן אויף צוריק און צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן: „מע דאַרף אַרויסראַטעווען וויפיל ס׳וועט זיך לאָזן״. ער האָט זיך

צוריק אַוועקגעלאָזט צו די בײדלעך, אויפגעװעקט די קאָמו־נאַרן און אויף די פּופּצן פערד האָבן זיך אָנגעזאָטלט פּופּצן יונגען, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אָפּאַרבעטן דעם לעצטן טאָג.

— קיין נאַסע ניט לייגן! — האָט ריוקין אויסגע־שריען — אַראָפּנעמען ביזן נאַסן שיכט, פאַרלייגן אַ פונ־דאַמענט פאַר אַ סטויג פון דרײַ טויזנט פּוד!

די פּופּצן יונגען זײַנען געװען די בעסטע, די שטאַרק־סטע, די איבערגעגעבנסטע... אָפּגעאַרבעט האָט מען ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַרײַן. דאָס וואַסער האָט זיך געהויבן. די פּים זײַנען שוין איצט געוועזן ווי וואַסער־מעסטערס. איצט האָט שוין יעדער איינער געשעפּט פולע קעשענעס מיט וואַסער און אויפן וועג צו די בײדלעך, האָבן זיך די פערד געצויגן אויף די בײכער און געהויבן די קעפּ.

בײַ די בײדלעך האָט מען אָפּגערוט. מען האָט זיך אָפּ־געטרייסלט ווי פערד, ווען זיי קומען פון אַ גאַר ווייטן וועג. בעוורע האָט זיך דערפילט ווי פרי־געקומענע געסט, וואָס זײַנען געלאָפן ערגעץ אויף אַ כאַסענע, געיאָגט די פערד, געאײַלט זיך ניט צו פאַרשפּעטיקן. איצט ווייזט זיך נאָר אַרויס, אַז זיי זײַנען געקומען די ערשטע. די מעכוטאָ־נים מיטן כאָסן זײַנען נאָך ניטאָ...

— איז וואָס־זשע האָט מען זיך געדאַרפט אײַלן? — פרעגט זלאַטקין — דער כאָסן איז דאָך נאָך ניטאָ.

— קוק ניט אויף דעם, וואָס דער אַמור שפּילט איצט ניט. ער קאָכט איצט פון אינעווייניק, ער וועט אַרויף דאָס וואַסער. זע ווי דער אינזל האָט זיך אָנגעפילט, זע וויפיל טײַכלעך ס'זײַנען אויסגעוואַקסן. איבער נאַכט קענען מיר זײַן אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט וואַסער.

— דאָס גייט נאָך אַלץ דער ערשטער וואַל?
— ביים צווייטן וועסטו שוין ניט גיין.
— וועסט שוין ליגן ווי אַ פּעגירע.
— וועסט שוין שווימען.
— בעיורע! — שרייט ריווקין — וויניקער כאָכמעס! ס'פֿאַרגיסט דעם שאַלאַש. דאָס וואַסער קריכט פֿון די זייטן. די מאַשינעס לאָמיר צושלעפּן צו די ביידלעך. ביי די פֿערד דאַרף מען אַ וואַך אַוועקשטעלן.

שלעפּט מען די מאַשינעס צו די ביידלעך און מען קוקט מיט כשאַד אויפֿן אַמור. און דער אַמור איז רואיק, שטורעמט ניט, אַ גלאַטיקע אייבערפֿלאַך ליגט צעשפּרייט ווי אַ גלאַטיק שטיק פֿלאַכלאַנד. נאָר די זייטן געשווילן אָן. איצט דאַרף מען ניט שוין ניט אַראָפּגיין צום ברעג נעמען וואַסער, אָדער וואַשן זיך, איצט איז גענוג אויסצוציען די האַנט, דערלאַנגט מען דעם אַמור.

ביינאַכט האָט די וואַך אָנגעזאָגט:

— דער אַמור האָט זיך צעשטורעמט, ס'רייסט שטיקער פֿין ברעג. ווילדע ציגן קומען אָן צו לויפֿן פֿון די בערג. דער אַמור האָט דורכגעריסן דעם צווייטן ברעג. דאָס וואַסער שטייגט און פֿאַרגיסט דעם גאַנצן אינזל!

דער אַמור האָטווירקלעך געריסן די ברעגן. פֿון די דורכגעריסענע ברעגן האָט זיך דאָס וואַסער געצויגן צו די ביידלעך. דער גאַנצער אינזל האָט איצט אויסגעזען ווי אַ גרויסער טייך און אויפֿן טייך שטייען סטויגן היי. די קאָמונאַרן מיט די פֿערד מיט די מאַשינעס זיינען געבליבן אויף אַ שמאָל פּאַסיקל ערד. אַרום און אַרום איז וואַסער. אָט דאָס פּיצל ערד איז דאָס העכסטע אָרט פֿון אינזל. נאָר דאָס פּיצל ערד ווערט אַלעמאָל שמעלער און

קירצער. פון דריי זייטן קריכט דאָס וואַסער און פון דער פערטער זייט רייסט דער אַמור דעם ברעג.

פונעם פּאַרטיי-און קאָמיוג-קעמערל איז געבליבן ריוזקין, רובין און זלאַטקין. זיי האָבן באַשלאָסן טייקעף אָפּשיקן אַלע מענטשן אויסער זיי דריי און פּייוזקען, וואָס בלייבן וואַרטן אויף אַ רעטונגס-קאַטיער. מיט די אַוועקגעשיקטע מענטשן האָט מען איבערגעגעבן: דער טאַרעבאַרעוועך אינזל איז קימאַט ווי פאַרפלייצט. אויפן אינזל זיינען געבליבן פיר קאָמונאַרן מיט פופצן פערד. זיי געפינען זיך אויפן לעצטן פּיצל טריקעניש. אַרום און איז וואַסער. דער אַמור שטורעמט. עס גייט דער צווייטער וואַל. אויב מע וועט ניט אָננעמען קיין עקסטראַ-מיטלען, וועלן די מענטשן מיט די פערד אומקומען.

— ציט גיכער! רודערט אויף די פאַרוואַלטונג. גיט איבער דער גע-פע-או! — האָט ריוזקין נאָכגעשריען די שיפלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן צום צווייטן ברעג, וואו אַ וועגל דורך דער טייגע פירט צו דער קאָמונע.

דאָס מאָטאָר-שיפל שניידט ווי געוויינלעך צוויי מאָל אין טאָג דעם אַמור, נאָר איצט אײַלט עס גיכער. איצט מאַכט דער מאָטאָר אַ גרעסערן גערויש אויפן אַמור. דאָס שיפל לויפט מיט גאָר וואַזשנער פאַרנומענקייט. ס'זעט אויס, אַז צו די גאָר וויכטיקע שעליכעסן איז צוגעקומען נאָך איין עפּעס גאָר אַ וויכטיקע שעליכעס. די קאָמונאַרן, וואָס זיינען געבליבן זיצן אויפן פּאַסיקל ערד, וואָס ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער, קוקן נאָך דעם גיכן דורכלויף פונעם מאָטאָר-שיפל און הערן זיך צו מיט בענקשאַפט ווי דער מאָטאָר-רויש פאַלט און לעשט זיך, ווי דאָס שיפל פאַרשווינדט אין דער וויַט. די קאָמונאַרן וואַכן אין די נעכט

אַלע פיר. בײַטאָג שלאָפֿט מען לויט דער ריי. אַלע וואַכן זיי בײַ די פערד. מע היט די פערד, פֿון די פערד וועט מען ניט אָפּטרעטן.

— כ'האָב באַטראַכט אַט וואָס — זאָגט ריווקין — די פערד וועלן מיר צובינדן צום סטויג און מיר אַליין וועלן אַרויפֿקריכן אויפֿן סטויג.

— דו פֿאַרנעמסט זיך דאָ צו ווינטערן? — פֿרעגט פּײַווקע.

— ניין, ניט ווינטערן, נאָר די פערד וועלן מיר דאָך דאָ ניט לאָזן.

— געווים ניט.

בלײַבט מען זיצן און מען קוקט אויפֿן אַמור. און דאָס פֿאַסיקל ערד ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער. דער אַמור רײַסט שטיקער פֿון ברעג. אַ פֿעסל זאַלץ איז פּלוצ־לונג פֿאַרשוואונדן פֿון ברעג, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער אַמור האָט עס פֿאַרשלונגען מיט אַ היפּשן שטיקל ברעג. און פֿריד איז ניטאָ און קיין קאַטיער זעט מען ניט. הינטער די בערג שפּאַלטן זיך הימלען און די בערג ציטערן.

פֿאַרנאַכט האָט מען באַמערקט אַ רויך אויפֿן אַמור. אַ שיף האָט געשניטן דעם אַמור אַראָפּ־וואַסער צו כאַבאַ־ראָווסק צו. רובין האָט געגעבן אַן אײַצע: אַרײַנלייגן אַ צעטעלע אין אַ פֿלאַש און לאָזן שווימען צו דער שיף...

— דײַן אײַצע — האָט פּײַווקע געזאָגט — איז אַ גרויסשטאָטישע און גאָר אַ וואַזשנע, נאָר אויפֿן צעטעלע שרײַב אָן דעם אַדרעס פֿון דער שיף, די פֿלאַש זאָל ריכטיק אָנקומען...

פּײַווקע האָט געפֿונען אַן אַנדער מיטל. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיק בלעך, גיך אויסגעדרייט אַ טרובע,

אַ נעם געטאָן ריווקינען אויף די אַקסלען און געהייסן אַריינשרייען:

— איבערגעבן אין קאַנטאָויספּירקאָם, שיקן אַ קאַטיער, ראַטעווען פּופּצן פערד און קאָמונאַרן!

ס'האָט אויסגעזען ווי די שיף וואָלט פאַרקלענערט דעם גאַנג און אָנגעשפּיצט די אויערן. אויפן דעק פון שיף זיינען מענטשן אָנגעלאָפן. זיי האָבן געקוקט צום פּאַרטרונ־קענעם טאַרעבאַרעווער אינזל, אַרויסגעכאַפּט פון די קעשענעס פּאַפּיר, בלייפעדערס און גיך פאַרשריבן.

— זיי האָבן געהערט?

— זיי האָבן דוכט זיך פאַרשריבן!

— הורא, פּיווקע, הורא!

אין מיטן טאָג האָט מען דערהערט דאָס איינטאָניקע, נאָר זייער פריילעכע אָטעמען פון אַ קאַטיער. ס'איז פּונקט געווען אין דער צייט, ווען אויפן אַמור האָבן זיך ווידער באַוויזן ווייסע שטיקער שוים, אַ באַווייז, אַז דער טייך סונגאַרי האָט שוין איבערגעגאָסן אין אַמור דעם צווייטן וואַל וואַסער און דער אַמור רייכט שוין ווידער די ברעגן. דאָס וואַסער האָט שוין געהאַט אונטערגענעצט די ביירלעך. לענגער בלייבן אויפן פּאַסיקל ערד, וואָס איז שוין באַלד אויך פאַרטרונקען געוואָרן, האָט מען ניט געקענט און די קאָמונאַרן האָבן זיך געגרייט צרויפצוקריכן אויפן סטויג...

— ס'קלאַפּט אַ קאַטיער! — האָט זלאַטקין, וואָס האָט נאָכגעשפּירט די באַוועגונג פון דער לופט, אויס־געשריען.

אַלע האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן. די פערד האָבן אויך אויפגעהויבן די קעפּ און אָנגעשטעלט די אויערן.

— אַ קאַטיער!

— מען איז געראַטעוועט!

— צײַמלען די פערד!

זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פערד און זייערע גרייט געווען קושן זיי אין די אויסגעשטרעקטע מאָרדעס אַריין. דאָס פריילעכע קלאַפּערײַ האָט זיך דערנענטערט.

היי! היי! — האָט זיך געטראָגן פון קאַטיער אַ געשריי.

— פריזד...

— יאָ, ער...

— צושלעפּן נענטער די מאַשינעס — שרײַט ריווקין און ער גיט זיך אַליין אַ שפּאַן אײַן אין אַ שנייד־מאַשין און שלעפּט צום ברעג.

זיי האָבן געשלעפּט די מאַשינעס און די אויגן אָנגעהאַנגען אויפן קאַטיער, וואָס האָט געאײַלט צו זיי.

— ווער פאָרט דאָרט מיט פרידן, נאָך עמעצער פאָרט.

— וואו?

— אָט, נאָך עמעצער, אַן אַלטער.

— פּאָגרעביצקי?

— יאָ, דער אַלטער.

דער גרויער קאָפּ פון דעם אַלטן פּאָגרעביצקי האָט געפלאַטערט. דער ווינט האָט צעשויבערט זיינע זילבערנע האָר, זיינע ברוינע קינבאַקן צוקן, ער איז ערנסט ווי אין אַ גאָר וויכטיקער שעליכעס: ער קומט אין שעליכעס פון דער פּאַרטיי, דער אַלטער; ער איז דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל פון דער קאָמונע, דער אַלטער אַמעריקאַנער שוסטער, קומט ער אין שעליכעס פון דער פּאַרטיי ראַטעווען די העלדישע קאָמונאַרן מיט די פערד.

— קיין שום מאַשינעס! — שרייט דער אַלטער — דעם לעבעדיקן אינוועגטאַר בלויז. אַזאַ באַשטימונג פאַראַן פון דער רעטונג-קאָמיסיע ביים אויספירקאָם!

בינדט מען פעסט און שטאַרק די מאַשינעס צום סטויג, מען פאַרקרעמפּעוועט זיי מיט קייטן און מיט שטריק און אַרויפפירנדיק די פערד אויפן באַרקאַס, לאָזט מען זיך שניידן דעם אַמור אַראָפּ וואַסער.

ווען מען איז שוין אויפן וואַסער, דערמאָנט זיך פּלוצלונג ריווקין, גיט זיך אַ הייב אַנטקעגן פּאָגרעביצקין, גיט אַ זאָג מיטן טאָן פון אַ ראַפּאָרט:

— כאַווער פּאָגרעביצקי, דער פּלאַן איז אויסגעפילט... אויפן טאַרעבאַר'עווער אינזל ליגט פאַרגרייט זיבעציק טויזנט פוד...

— גוט, גוט... — רײַסט אים איבער דער אַלטער. וועסט ראַפּאָרטירן שפּעטער... אין פאַרטקאָם...

פּײַווקע גיט אַ קוק אויפן ברייטן וואַסער און עס כאַפּט אים אַרום אַ מאָדנע פרייד. ער גיט זיך אַ וואַלגער אין אַ ווינקל קאַטיער און גיט פּלוצלונג אַ הויכן זונג, פון דער פולער ברוסט:

— „או קיטײַצעוו גענעראַלי,
וסע וואַיאַקי סמעליע!"...

דער איקער — זאָגט דער אַלטער — מיט פּיטער איז די קאָמונע פאַרזאָרגט, האַ?

— אַ פאַקט — ענטפערט פריילעך ריווקין און אַ ניצאָכן-פײַערל שײַנט אויף אין זיינע אויגן.

דאָוויד האָפּשטיין

בירעבידזשאַן

I.

דאָרט וואַרטן שוין ביימער אין אורערשטע ערטער
אויפֿן מונטערן אָפּקלאַנג פֿון אונזערע ווערטער,
און יעדן פּרימאָרגן די זוניקע שיין
פֿאַרשרייבט אויף די שפּיצן:
אַ לאַנד וועט דאָ זיין.

אַן אַלעמעס לאַנד,
פֿאַר יעדן, וואָס פֿריי איז אין אַרבעט געשפּאַנט,
אַ לאַנד, וואָס דערהייבט און דערציט,
אַ לאַנד, וואָס פֿאַרבינדט זיך — אַ גליד
אין דעם גרויסן פֿאַרבאַנד,

אין דעם גרויסן פֿאַרבאַנד פֿון אַלע, וואָס דאַרפֿן
געווינען די וועלט,
די וועלט וואָס אַצינד איז אויף קנעכטשאַפֿט
געשטעלט.

קעדאַי אין אַ לאַנד אַזאַ לעבן,
קעדאַי!
קעדאַי איז אַ לאַנד אַזאַ בויען פֿון ס'ניי!
קעדאַי!

II.

איצטער, קינדער, העלפט אונז מיט,
גיט אַ זינג דאָס נייע ליד,
אונטער מונטערן געזאַנג,
לייכטער ווערט דער שווערסטער גאַנג.

לערנט אויס דאָס נייע וואָרט,
ס׳איז אַ נאָמען פון אַן אָרט,
לאָמיר דאָס פאַמעלעך טאָן,
אָטעמט איין, מיר הייבן אָן.

בירא, בירא איז נאָך גרינג,
עטוואָס שווערער איז בידזשאַן.
איצטער, קינדער, גיט אַ קלונג,
ביראָבידזשאַן,
ביראָבידזשאַן...

ס׳איז פאַר אונז אַן אייגן וואָרט,
ס׳איז אַ נאָמען פון אַן אָרט,
ס׳איז אַ שטאָט און ס׳א׳ז אַ קאַנט,
דאָרט דאַרף זיין אַ יידיש לאַנד.

וועלדער זיינען דאָרט געדיכט,
פעטע ערדן, ניט גערירט,
רייכע טייכן, בערג מיט אַרץ,
פאַר אַ נייעם לעבן אַלץ.

בירא, בירא איז נאָך גרינג,
עטוואָס שווערער איז בידזשאַן,
איצטער, קינדער, גיט אַ קלונג
ביראָבידזשאַן,
ביראָבידזשאַן!

ס׳וועט דאָס לאַנד געבויט אויפסניי,
אַלע פעלקער זיינען פריי,
אַלע בויען האַנט ביי האַנט
נאָך אַ לאַנד אין דעם פאַרבאַנד.

נאָר דאָס ברייטסטע, גרעסטע אָרט
וועט דאָרט האָבן אונזער וואָרט.
סאָציאַליסטיש
אונזער פּאָשעט יידיש וואָרט
וועט זיך הויך צעקלינגען דאָרט.

ביראָ, ביראָ איז נאָך גרינג,
עטוואָס שווערער איז בידזשאַן,
איצטער, קינדער, גיט אַ קלונג,
ביראָבידזשאַן,
ביראָבידזשאַן!

עמאַנועל קאָזאַקעוויטש

(פון „ביראָבידזשאַנבוי", לידער 1932,
דרוקעריי „דאַלפּאָליגראַפּטרעסט" נ׳ 11, שט. ביראָבידזשאַן).

אין פאָרוואָרט צום „ביראָבידזשאַנבוי" שרייבט דער אַוטער:

„דער דאָזיקער לידער־בוך איז אָנגעשריבן אין ביראָבידזשאַן און וועגן ביראָבידזשאַן.

.. אין קאַמף פאַר איינגעמען די אוצרעס פון דאָזיקן לאַנד אויפן ווייטן מיזרעך, אויף דער גרענעץ מיט מאַנדזשוריע, שמידן מיר אויס נייע מענטשן און נייע לידער..."

טיכאָנקע — ביראָבידזשאַן

מ. ראַשקעס.

זון אויף אַלע פלייגען
און די האָזן טאַנצן...
געווען איז דאָ אַ קליינע
מיורעכדיקע סטאַנציע.

אַ טיכאָנקע, אַ שטעטעלינקע,
מיט בעקעלעך מיט גרינע —
צען טויזנט ווערסט פון מאָסקווע
און הונדערט ווערסט פון כינע.

דאָרטן איז אַ סאַפּקע,
ווייטער איז אַ לאָנקע —
פּאַקט מען וואו אַ קאָפּקע
קנאַקט מען סאַמאָהאָנקע.

די ווייטקייט האָט געדעוועט אַזוי ווי אַ קו
אין אוראַלטן, טײַגישן קלעם.
ס׳האָט זיך די ווייט געבעטן: קום!
קום אַהער אָנעט און — נעם.

... איינער נאָך דעם אַנדערן
אויסקוקער און שפּירער
פֿאָרן איבערוואַנדערער
אויף וועגן אויף סיבירער

דורך לענגען אַזיאַטישע
דורך טײַגע-ברייט דורך פּרעכער,
— כעזורע! יונגט יאַטישע,
הייב די נעזער העכער!

הייב די נעזער, זינג אַ ליד
פֿון אַ נייעם זשאַנער.
קלינג דו ליד, דו פֿלינקע ליד,
דו ליד בירעבידזשאַנער!

„צדאָקע טאַצל״!
„זייט געזונט״,
אַלטע גרויע היימען...
— זאָג נאָר מוישע וואָס איז דאָרט —
אַ טיגער צי אַ בעהיימע?

אויב אַ טיגער — איז ניט שלעכט,
אַ בעהיימע — גאָר גישקאָשע...
— שוויגער לייע, טיגער־פּלייש
איז מיסטאָמע „קאָשער״?

קומען זיי צו פּליינען
וואו די שטראַלן טאַנצן,
אַ טיכאָנקע, אַ קליינע
אַ מיזרעכדיקע סטאַנציע.

דאָרטן איז אַ סאָפּקע,
ווייטער איז אַ לאָנקע,
מענטשן — אויף אַ קאָפּקע,
אויף טשערוואָנצעס — סאַמאָהאָנקע.

— מייער, נו, וואָס זאָגסטו?
ווי געפעלן דיר קאַרייער?
— דו זעסט, זיי זיינען געל,
אַ סימען — מ'עסט דאָ אייער!

די ווייט האָט גערעוועט, אַזוי ווי אַ קו
אין אוראַלטן טײַגישן קלעם.
די ווייט האָט זיך דאַכמים געבעטן: קו—ם!
קום אַהער אָנעט אין — נעם.

... זון אויף אַלע פּליינען
און די האָזן טאַנצן,
שוין ניטאָ די קליינע
מיזרעכדיקע סטאַנציע.

אַ רוישיקע אַ שטאָטישע,
אַהערן און אַהינען —
מיט ראַפּאָרטן צו מאָסקווע
און מיטן אויג — צו כינע!

צו שאַנד די אַנטלויפער!

ער
איז אַנטלאָפן, אַנטלאָפן געהיים.
מיט זיך די ספּעצקליידונג פאַרנומען אינגאַנצן.
ער
האָט געבראַכט
נאָר אַ פליך פונדערהיים
און פערענעס ציווי מיט אוקראַינער וואַנצן.

פאַרקויפט מיט אַ רעווער
זיין האָב און זיין גוטס,
געביכקעט: „וואָס אַרט מיך —
צי מיזרעך, צי דאָרעם?..״
ער האָט זיין מאַלבוש פאַרקויפט אין אירקוטסק
און האָט געקלאָגט:
„טוט אַ קוק,
ווי כ׳בין אָרעם״.

ער
האָט געמאַכט אַזאַ קאָשערן פאַרצעף,

ער
האָט געדראַרשנט אַזוי ווי אַ מאַגיד,
נאָר טיף
אין זיין בלאָטיקס זיין פּיצעלע האַרצן
האָבן געפילן פּאַכראָניש געקוואָקעט.

האָט בירעבידושאַן
אַ זאָג געטאָן שטיל:
דו זעסט?
עס צעפּראַלן זיך בוי־פּאַנאָראַמען.
דו זעסט?
ס'איז אַ שטורמישער ווינט אָן אַ מיל,
דאַרף מען די מיל
איצטער בויען צוזאַמען.
זעסט, ווי מיר שטייגן א'ן מעכטיקן שוואונג?
זעסט, ווי מיר וואַקסן?
איז ווער אונז אַ כאַוער!
— — — — — — — — — — — —
נאָר טיף אין זיין האַרצן —
דער אוראַלטער שטונק,
דער מענאַכעם־מענדלש —
קאַפּצאָנישער אַוער.

האָט ער געגראַנערט:
„גיט נאָך!
ס'איז מיר שלעכט!
גיט וועש; ס'איז פינצטער!
גיט שיך! ס'איז מיר בישער!"

— — — — — — — — — — — — —

און בירעבידזשאַן האָט אין טאָג־געפלעכט
געהויבן די גאָרנס
פון העלן געוויטער,
געריסן די גרויקייט
מיט מי — דינאַמיט,
מיט גלאַנץ פון די זעגן,
מיט בראַנד פון די שלאַכטן —

און ער
האָט געקרעכצט
פונקט ווי ער איז שוין מיד,
דערציילט פון זיין הונגער
און שלעכטן געמיט,
און נאָכדעם אַנטלאָפן,
אַזוי
ווי אַ פּאַכדן!

— — — — — — — — — — — — —

די אַרבעט גייט ווייטער!
היי! ציגל און ליים!
פאַרבוי מיט בעטאָן
די פאַרזומפּיקטע הליבע!
שטייט פעסט אויף די ערטער!
מיר בויען די היים
מיט צאָרן פון האָס
און מיט קלאָרקייט פון ליבע!

קאַרעישע באַוועלע

אויף די שטרויענע ציגאַרוקעם
ליג איך ברייט מיט גלידער שטאַרע
און דו זיצסט און שווייגסט דערנעבן
און דו שפּילסט אויף אַ גיטאַרע.
הינטער פענצטערלעך פּאַרטרויטע
שטאַרבט די זון אַזאַ מין רויטע.

עפּעס אַלץ איז אַזוי בלוילעך
אויפן האַרץ אַ העלע הרודע,
דו ביסט אַ קאָרעיִש מיידל,
איך בין שוויַגנדיק ווי בודדע
און ס'איז מיר מאָדנער כידעש,
וואָס דו קאָנסט ניט ריידן יידיש.

ס'שמעקט מיט אַזיע דיין זיגגען,
אָפּט — מיט יידיש ליכטלעך־בענטשן,
אָפּט — מיט אוראַלט גרויע שטיינער
אויסגעקריצט מיט האַלבע מענטשן:
אַלהאָזומיקאַ טשהעניאָ ווערדאַ
אָפּסימיד, דעבאָרום מנעדראַ... *)

דיינע האָר ווי קראָען־פעדערס,
דיין גיטאַרע טויזנט שטימענד,
דיינע ליפּן — שוואַנענהערצער,
דיינע אויגן — שטיקלעך דימענט...

---

*) אַ גוט מאָרגן שיינע מיידל, איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו זאָגסט.

הינטער פענצטער אַזאַ כמורער
ליגט דער פעלונבּרעג צַמורער.

אויף די שטרויענע צינאָווקעס
גיסט די זון אַ שײַן אַ העלע,
ווי אַ שיינע ווי אַ צאַרטע
אַ קאָרעישע נאָוועלע.
אַזוי רואיק, אָן אַ טײַנע
ווי דו גיסט די ליפּן דײַנע.

מאָרגן וועסטו אין דיין שול גיין
לערנען קינדער קליין און קלענער
איך — אויף לאַנד אויף גאָרע ברייטן
העלפן אויספילן די פּלענער,
און כ׳פאַרפליכט אין טעג אין שנעלע
די קאָרעישע נאָוועלע.

סטאַלינפעלדער דירעקטאָרן

„דרייאונדרייסיק פּראָפעסאָרן
פאַטערלאַנד, דו ביסט פאַרלאָרן!"

אָט די כאָכמעלע די שיינע
האָט געזאָגט נאָך היינריך היינע

און עס פּאַסט זיין בייזער זשאַנער
צום ראַטווירט בירעבידזשאַנער.

דרייאונדרייסיק דירעקטאָרן —

אָ, ראַטווירט,
דו ביסט פאַרלאָרן.

פיל דירעקטערס — קליין און קלענער
און סע שטייען אָפּ די פּלענער.

די דירעקטערס גייען, שפּאַנען
און זיי הודיען ווי די באַנען —

מ׳דרייט זיך ווי אין רויטן ראָסל
нянек семь, дитя без носу.

הערט־זשע אייער טאַטנס טאַטן —
קלערט איר קירצן ווען די שטאַטן?

אין קאָלווירט „וואַלדהיים"

10 אינדערפרי איז פאַרן איבערוואַנדערונגס=פונקט צוגעפאָרן אַן אָפענער לאַסט=אויטאָ. עס פאָרט בריל (דער באַפולמעכטיקטער פון „קאָמערד" אין בירעבידזשאַן), דער באַאַמטער פון „געזערד" ליבערמאַן (אַן איבערוואַנדערער פון לעטלאַנד), אַ דאָקטאָר וואָס דאַרף באַזוכן דעם נייעם קאָלווירט קאַזאַנקע און איך.

מיט 6 יאָר צוריק — דערציילן מיינע באַגלייטער — איז ניט נאָר ניט געווען קיין קאָלווירט, נאָר דער וועג אויף וועלכן מיר פאָרן איצט — די 12 קילאָמעטער ביז וואַלד=היים — איז געווען ט ײַ ג ע. דעם דאָזיקן וועג האָבן גע=מאַכט יידישע איבערוואַנדערער און ער איז קלאַל ניט קיין שלעכטער.

וואַלדהיים גופא געהערט צו די ערשטע קאָלווירטן. די איבערוואַנדערער, מערסטנס קליינהענדלער פון סמאָ=לענסק, זיינען געקומען אין זומער 1929. איידער מען איז געגאַנגען אין קאָלווירט, האָט מען זיך געפרווט ביי פאַר=שיידענע אַרבעטן: אויסלאָדעווען ציגל פון די וואַגאָנעס, פירן ברעטער — האָבן אָבער די איבערוואַנדערער ניט געקענט איינשפּאַנען קיין פערד. אַ טייל איז אַוועק אין דעם שוין זיך בויענדיקן קאָלווירט בירעפעלד, געלעבט אין פּאַלאַטקעס, געשניטן היי. דער זומער איז געווען אַ רעגנ=

דיקער, די קאַמאַרעס האָבן געפּייניקט און פּיל ווייַנען זיך צעלאָפּן, מיטנעמענדיק מיט זיך אין פּושקעלעך קאַמאַרעס... אַנדערע ווידער ווייַנען אַוועק האַקן האָלץ אין דער טייַגע, אויפן פּלאַץ וואו עס איז איצט וואַלדהיים. פון דעם האָלץ האָט מען אויסגעבויט אַ באַראַק פאַר פערציק מענטשן. מען האָט אויך אויסגעבויט שטאַלן פאַר פערד און קי.

די אַרבעט איז געגאַנגען ביי שווערע באַדינגונגען. אין דער ווילדער טייַגע, 12 קילאָמעטער פון שטאָט, האָט מען מאַמעש מיט די הענט געריסן די הונדערטיאָריקע ביימער. די פאַמיליעס האָט מען געהאַלטן אין שטאָט, קעדיי זיי זאָלן ניט זען די שווערע באַדינגונגען און ניט וועלן אַנטלויפן.

...גיך האָט זיך אָבער דער קאָלווירט גענומען איבער־בייען אויף אַנדערע יעסודעס.

אָנשטאָט צו קאָרטשעווען מיט די הענט איז די אַר־בעט מעכאַניזירט געוואָרן און אין מעשעך פון 1933 האָט דער קאָלווירט אויסגעקאָרטשעוועט 120 העקטאַר, קימאַט אַזוי פיל וויפיל אין מעשעך פון די פאַרגאַנגענע 4 יאָר.

די ערשטע טריט אין וואַלדהיים. וואו מיין אויג איז געפאַלן — אַ ראַכוועס פון הויך־אויפגעגאַנגענע פעלדער פון ווייץ, האָבער, רעטשקע, בעבלעך, קאַרטאָפל און אַנדערע גרינסן. 195 העקטאַר האָט פאַרזייט דער קאָלווירט, אַחוץ די אינדיווידועלע גערטנער, וואָס יעדער קאָלווירטלער באַ־זונדער באַאַרבעט פאַר זיך.

איבערן הויף שטייען פעסטע הייזער, ציכטיקע, ריינע, אין איין ריי, לויט אַ פּלאַן. יעדע דירע האָט צו צ׳מער און צוויי צימערן מיט קיכן. אין מיטן הויף אַ גרויסע שטאַל פאַר 75 בעהיימעס און קעלבער. אַ ביסל ווייטער — אַ כאַ־

זיירים־שטאַל, אַ שטאַל פֿאַר פֿערד, קעלערס און שפּייכלערס אויף טווע. אַלץ אין פֿעסט און מאַסיוו געבויט.

ניט ווייט פֿון די וואוינהייזער געפֿינט זיך די קינדער־היים פֿאַר 40 וויג־קינדער מיט 6 אָנגעשטעלטע, אַ קינדער־גאָרטן פֿאַר קינדער פֿון 4 ביז 7 יאָר, אַ ליאַריקע שול פֿאַר 120 קינדער און אַ אינטערנאַט פֿאַר די קינדער פֿון די אַרומיקע ישובֿים, וואו עס זיינען נאָך ניטאָ קיין שולן.

דער קאָלווירט האָט אַן אייגענע עלעקטרישע סטאַנ־ציע, אַ מיל, אַ טאַרטאַק, אַ ציגל־זאַוואָד, אַ בעקעריי, אַ קיישן־פֿלעכטעריי, זאָקן־מאַשינעס, אַ שניידעריי־וואַרשטאַט וואָס באַזאָרגט די מיטגלידער פֿון קאָלווירט מיט בע־גאָדים און וועש און נעמט אַרויס אַרבעט פֿון דער מעלוכי־שער ניי־פֿאַבריק אין בירעבידזשאַן.

פֿאַראַן אַן אָראַנזשעריע און בינשטאָקן.

פֿאַר דער שול איז אויסגעטיילט 2 העקטאַר. די שול האָט אירע צוויי כאַזיירים. אין האַרבסט האָט געדאַרפֿט געקייפֿט ווערן אַ קו.

אין קאָלווירט אַרבעטן אַלע — מאַן און ווייב און די עלטערע קינדער. די פֿרויען, וואָס אַרבעטן, שיקן זייערע קינדער אין דעם קינדערהיים און אין קינדער־גאָרטן.

די אַרבעט ווערט גערעכנט פֿון שטיק. אַ געוויסער סכום אַרבעט רעכנט זיך פֿאַר אַן אַרבעטסטאָג. ווען צוויי מענטשן לעמאָשל מיט דער הילף פֿון אַ טראַקטאָר צע־אַקערן אַ העקטאַר ערד, הייסט דאָס, אַז זיי האָבן געהאַט איין אַרבעטסטאָג. אין וואַלדהיים האָבן קימאַט אַלע קאָל־ווירטלער צו 450 — 500 אַרבעטסטעג אין יאָר. אויף אַן אַרבעטסטאָג איז אויסגעקומען צוויי רובל, אַ קילאָ קאָר־

טאָפּל, אַ האַלבער קילאָ אַנדערע גרינסן, ברויט, האָניק. אַכוץ דעם האָט קימאַט יעדער קאָלווירטלער אַן אייגענעם גאָרטן, אייפּעם אאַז״וו.

אויף וויפיל דער קאָלווירט וואַלדהיים איז פאַרמעגלעך, ווייזט דער פאַקט, אַז דעם זומער האָט ער פאַר די בריגאַדעס, די קינדער-אַנשטאַלטן און אויף דערנערן די קעלבלעך מיט כאַזיירימלעך פאַרנוצט 85—90 ליטער מילך אַ טאָג.

עטלעכע שאָ האָבן מיר פאַרבראַכט אין הויף, באַזוכט די אַנשטאַלטן, געווען אויף די פעלדער און קוים געפונען די קאָלווירטלער, וואָס זיינען געווען ביי דער אַרבעט.

פאַרנאַכט האָט זיך דער אוילאָם גענומען אומקערן פון דער אַרבעט. יעדערער האָט עפּעס אַנדערש דערציילט וועגן די בייגעקומענע שוועריקייטן.

— איר זעט — זאָגט צו מיר אַן עלטערער ייד — אָנווייזנדיק אויף די צענדלינגער געביידעס. אָט דאָס אַלץ האָבן מיר אַליין געשאַפן. אַליין, אָן קיינעמס מיטהילף.

— ניט עמעס — האַקט אים איבער אַ צווייטער — מיט דער הילף פון דער מעלוכע, פון אונזער מעלוכע. און ער — רופט ער צו אַ מענטשן פון עטלעכע-און-פערציק — דאָס איז בעזנאָסאָוו פון די ערשטע איבערוואַנדערער. ער האָט הייער פאָלוטשעט אַ פּרעמיע, אַ קוראָרט אין קיסלאָוואָדסק. ער האָט באַקומען אַן אומזיסטן באַן-בילעט און אַנדערע הויצאָעס.

און צו דעם אַלעם — רופט זיך אָפּ בעזנאָסאָוו — האָט מיר די רייזע געקאָסט 2300 רובל. געווען אין מאָסקווע,

באַרייזט ראַסיי, ביי קרוויום, געבראַכט מאַטאַנעם און אַנדערע זאַכן.

— וויפיל זאָגט איר? צוויי טויזנט דרייהונדערט רובל? — וואונדער איך זיך — פונוואַנען אַזוי פיל געלט?

— פון אַרבעט — פילט זיך בעזונאַסאָוו באַליידיקט פון מיין פראַגע. געקומען אַהער ווי איך שטיי און גיי. די דאָזיקע הענט האָבן דאָס אויסגעאַרבעט. ביי קיינעם, באַלילע, ניט געגאַנוועט, קיינעם ניט באַרים, קיינעם ניט אויסגענוצט.

אַ געשמאַקן אָוונטברויט האָבן מיר געגעסן ביי בעזונאַסאָוון. מער פון אַלעמען האָב איך באַוואונדערט די ריינקייט און ציכטיקייט פון זיינע גרויסע צוויי צימערן, קיך און פאָדערצימער, דאָס פינקלען פון די ניקלנע בעטן און סאַמאָוואַר, פרישקייט פון דער שאַנק און טיש מיט שטולן, ווי אויך דאָס קולטורעלע פאַרהאַלטן זיך פון די קינדער.

איך האָב איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס אָרט וואו איך זיך, איז נעכטן געווען אַ טײַגע און קיין מענטשלעכע פוס איז דאָ ניט געטראָטן, און אַז די מענטשן וואָס האָבן דאָ געבויט און געשאַפן אַ קאָלעקטיוו לעבן, האָבן מיט פינף יאָר צוריק ניט געהאַט קיין שום אָנהאַלט, זיינען געווען לופט-מענטשן, איבעריקע, רעכטלאָזע — און היינט זיינען זיי פעסט איינגעוואָרצלט אין סאָוועטישן לעבן, האָבן זיך שוין געשאַפן די נייטיקע עקסיסטענץ-באַדינגונגען און איצט גייען זיי שוין צו אַ העכערער שטופע, צו אַ בעסער לעבן.

(פון אַ. פ ע ר ל מ אַ נ ס „בירעבידזשאַן" — שילדערונגען פון אַ רייזע אין יולי - אַווגוסט 1934").

אָן אַ ראָוו און אָן אַ קלויז

האָב איך מיר אַ טאַטן
האָט ער אַ פּאָר פערד,
און אַפילע שאַבעס
אַקערט ער די ערד

(ג. ג ד אַ ל י ן: „אין
אַ יידישער קאָלאָניע״)

אַ יידישע מעדינע אָן אַ ראָוו

אין בירעבידזשאַן האָט זיך באַוויזן אַן איינגאַרטיקער איבערוואַנדערער. לויט זיין אויסזען און קליידונג האָט ער זיך שאַרף אונטערשיידט פון דער אַרומיקער סוויווע. אַ ייד מיט אַ שפּאָרער, גרויער באָרד, און זיין בעגעד עפּעס אַזוינס וואָס מען קען אָנרופן ראָק, סורדוט, פּאַלטאָ, קאַפּאָטע, און אַ הוט ענלעך צו אונזערע גאַליציאַנישע קאַפּעלושלעך.

איך האָב ניט געזען אין בירעבידזשאַן קיין בערדיקע יידן. בכלל זיינען דאָ פאַראַן זייער ווייניק עלטערע מענטשן.

דער נייער איבערוואַנדערער, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן בירעבידזשאַנער באָדן, האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט.

— ווער איז ער, פון וואַנען קומט ער, וואָס טוט ער דאָ?

קיינער ווייס ניט.

— פון וואָס לעבט ער?

קיינער ווייס ניט.

קיין בירעבידזשאַן קומט מען ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. קימאַט אַלע וואָס קומען זיינען איבער־וואַנדערער וואָס ווערן געשיקט דורך די „געזערד"־אָרגאַניזאַציעס אין די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין ראַטנפאַרבאַנד. איבער יעדן איבערוואַנדערער איז דערביי פאַראַן אַ גענויע קאָנטראָלע.

ווייזט זיך אַרויס, אַז דער נייער איבערוואַנדערער איז ניט געקומען פון צענטראַל־רוסלאַנד, נאָר פון כאַבאַראָווסק, וואָס ליגט עטלעכע שאָ רייזע פון בירעבידזשאַן. מען פרעגט אים ניט וואָס ער וויל, צו וואָס ער איז געקומען. ער שטערט ניט קיינעם און קיינער שטערט ניט אים. ער וואוינט ערגעץ ביי באַקאַנטע פון זיין אַלטער היים, צי ביי אַ קאָרעוו.

— פון וואַנען לעבט ער? מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך? צי זוכט ער אַרבעט?

— קיין אַרבעט זוכט ער ניט, קיין באַשעפטיקונג האָט ער ניט, און ער לעבט פון די קאַפּיטאַלן, וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט.

— אַ בורזשוי? אַ קאַפּיטאַליסט?

— ניין, ער איז אַ ראַוו, אַ רעליגיעזער אַרבעטער.

ער איז ביז דער רעוואָלוציע געווען אַ ראַוו אין אַ גרעסערער יידישער שטאָט אין אוקראַינע. ביסלעכווייז האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אָנגעהויבן צו באַגיין אָן

פרעגן שײלעס, אָן אַ ראָוו. מען האָט אים אויפגעהערט צו צאָלן פענסיע, כאַסענעס און געטן האָט מען אָנגעהויבן צו רעגיסטרירן ניט בײ אים, נאָר אין דער דערצו ספּעציעלער מעלוכע-אַנשטאַלט. ער האָט זיך אויסגעלערנט הילכעס מילע און שכיטע, גלײבנדיק, אַז דערפון וועט ער האָבן כאַיונע. אין דער ערשטער צײט איז נאָך געווען ווי עס איז פּאַרנאָסע, אָבער ביסלעכווײז האָבן ײדן צוגעוואוינט זיך צו באַגײן אָן בריסן און אָן אַ שײכעט. דער עלטערער דאָר איז אין מעשעך פון 17 יאָר ביסלעכווײז אויסגעשטאָרבן, אויסגעוואַנדערט, אויפגעהערט צו קינדלען, און דער ײנגערער האָט קײן מילע און שכיטע ניט באַדאַרפט.

אויך ער האָט אויסגעוואַנדערט פון זײן אַלטער הײם. ער איז אַוועק צו זײנעם אַ קאָרעוו וואָס פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּאָסטן אין כאַבאַראָווסק. דאָרט האָט ער געלעבט אויפן כעשבן פון קאָרעוו און פון צײט צו צײט פלעגט ער דאָך צופאַרדינען פון מאַל זײן אַ קינד, פון וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט.

— צו וואָס זשע איז ער געקומען קײן ביראָבידזשאַן?

— אין ביראָבידזשאַן האָט זיך געשאַפן אַ גרעסערער ײדישער ײשעוו. ס'קומען ײדן פון אַלע עקן ראַטנפאַרבאַנד, ס'קומען אויסער יונגוואַרג אויך מענטשן אין די עלטערע יאָרן, מענטשן וואָס האָבן ניט איבערגעריסן מיטן אָוואַר, מענטשן וואָס עס איז זײ נאָך שווער צו שײדן זיך מיט דער טראַדיציע, טאָ איז ווי שײעך, אַז בײ אַזאַ גרויסן ײשעוו זאָל אײן ראָוו וואָס איז גלײכצײטיק שײכעט און מוהל ניט האָבן פּאַרנאָסע? דערצו האָט ער אויך מיטגעבראַכט אַ ביסל סידורים, כומעשלעך, מאַכזױרים, ציצעס און אַרבעקאַנפעס. וויפיל ער זאָל ניט לײזן, ווי ווײניק אַרבעט ער

זאָל ניט האָבן, איז ווי שייעך ער זאָל ניט קענען אויסאַר־בעטן כּאַיונע? ער איז ניט קיין גרויסער געברויכער, ער וועט ניט טשעפּען די וולאַסט, ער וועט ניט אָנרירן די גע־זעצן, ער וועט זיך ניט מישן אין קיינעמס איניאָנים, ער וועט ערלעך אַרבעטן אויפן רעליגיעזן געביט און זאָלן יידן האָבן אין דער יונגער יידישער מעדינע אַ ראָוו.

ער האָט ווירקלעך קיינעם ניט געטשעפּעט. ער האָט אַפילו קיינעם ניט אַגיטירט, מען זאָל קומען צו אים פרעגן שאַלעס, מען זאָל מאַל זיין די קינדער, מען זאָל ביי אים קומען שעכטן אַן אָף, מען זאָל ביי אים קויפן זיין „פּראָ־דוקציע״. ער איז נאָר געזעסן שטיל און באַשיידן און גע־וואַרט אויף קליענטן.

אין מעשעך פון דריי טעג האָט דער גאַנצער בירע־בידזשאַנער ראַיאָן געוואוסט, אַז עס איז געקומען אַ ראָוו פון כּאַבאַראָווסק. איינער דעם צווייטן האָט די יעדיע איבערגעגעבן און זי איז געגאַנגען פון מויל צו מויל.

עס זיינען געבוירן געוואָרן קינדער, ייִנגלעך, אָבער אים האָט מען ניט גערופן. געווען אַפילו אַ פאַל, אַז עס איז געבוירן געוואָרן אַ יינגל און מען האָט עס מאַל געווען. אָבער די אָפּעראַציע האָט דורכגעפירט ניט דער ראָוו־שייבעט־מייעל, נאָר אַ דאָקטאָר־כירורג, וועלכער האָט פאַר זיין אַרבעט באַקומען פון די עלטערן באַצאָלט.

קיין קליענטן זיינען ניט געקומען. דער ראָוו איז אַוועקגעפאָרן צוריק אין כּאַבאַראָווסק.

(אַ. פּערלמאַן: „בירעבידזשאַן״).

די קלויז פּוסטעוועט

... עטלעכע הונדערט מעטער פון דער פּרווו=סטאַנציע בירעפעלר קען מען זען אַן אויסטערליש בערגל, באַוואַקסן מיט גראָז. דאָס איז דער סופיט פון אַ שול, וואָס די ערשטע קאָלאָניסטן האָבן אין 1928 אויסגעגראָבן צום דאַוונען. דאַן זיינען זיי נאָך געווען דורכגעדרונגען מיט דער קליינשטעטלדיקער אַטמאָספערע, האָבן זיי די ערשטע זאַך געבויט אַ קלויז. איצט פּוסטעוועט די שול, קיינער דאַוונט שוין ניט אין איר.

(אָטאָ העלער: „דער אונטערגאַנג דעס יודענטומס").

הילף פאַר בירעבידזשאַן

כוק דעם „קאָמערד״, דער מעלוכישער אָרגאַניזאַציע פאַר באַזעצן יידן אויף ערד, איז סאָף 1924 אַנטשטאַנען אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פאַר דעם זעלביקן צוועק א״נ „געזעלשאַפט צו באַזעצן אויף ערד אַרבעטנדיקע יידן״, דער אַזוי־גערופענער „אָזעט״ (אין יידיש: „געזערד״). די אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע איז צו אַקטיוויזירן די ברייטע מאַסן — יידישע און ניט־יידישע — פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון אַרבעטנדיקע יידן, שאַפן מיטלען אויף דעם צוועק און שטיצן די אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט פון „קאָמערד״ דורך אַ ברייטער פאַרצווייגטער פאָליטיש־אויפקלערערישער אַרבעט. שפעטער האָט דער „געזערד״ אַראַנק זיינע איינפלוסן אויף די מאַסן אויך באַקומען אַלס אויפגאַבע צוצושטעלן די קאָנטינגענטן איבערוואַנדערער פאַר די ערד־באַלאָקים, וואָס ווערן אויסגעטיילט דורכן „קאָמערד״. זיין טעטיקייט האָט דער „געזערד״ זייער שנעל אַנטוויקלט. היינט צו טאָג איז אין ראַטנפאַרבאַנד ניטאָ קיין איין גרעסערער יישעוו, אין וועלכן עס זאָל ניט זיין ווייניקסטנס איין קעמערל פון „געזערד״. די צאָל מיטגלידער צום צווייטן „געזערד״־צוזאַמענפאָר סאָף דעצעמבער 1930 האָט באַטראָפן 300 טויזנט, אין דעם 45 פראָצ׳ ניט־יידן (לויט שפעטערדיקע קוועלן זיינען אָנהייב 1933 שוין געווען 500 טויזנט מיטגלידער—אין פאַבריקן, זאַוואָדן, רויטאַרמייאישע און רויטפלאָטישע טיילן, ראַטווירטן, קאָלווירטן אאַז״וו). ביז 1928 האָט זיך „געזערד״ פאַרנומען

מיט אָרגאַניזירן די יידישע קאָלאָניעס אין אוקראַינע און קרים, שפּעטער אָבער קאָנצענטרירט ער זיך קימאַט אויס־שליסלעך — כוצן צוגרייטן קאָנטינגענטן פאַר אַלע קאָלאָניעס און שאַפן פאָנדן פאַר קולטור־אַרבעט — אויף צו שטיצן דעם בירעבידזשאַנבוי.

דער „געזערד" האָט אָרגאַניזירט און פינאַנסירט אַ ריי וויכטיקע עקספּעדיציעס קיין בירעבידזשאַן (לויט דער איניציאַטיווע און אויף די מיטלען פון לענינגראַדער „געזערד" איז אין 1932 — 1933 דורכגעפירט געוואָרן די געאָלאָגישע עקספּעדיציע פון „דאַלגעאָטרעסט"), גיט אַרויס אַן אייגענעם זשורנאַל „טריבונע". אַרויסגעגעבן פאַר דער צייט פון זיין טעטיקייט איבער הונדערט פּאָפּולערע בראָשורן, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין קאָרעוו אַ מיליאָן עקזעמפּלאַרן. דורכגעפירט אַ ריי לאָטעריעס אויף מיליאָנען רובלס.

כוץ דעם „געזערד" אַרבעטן־מיט מיטן „קאָמערד" אַ ריי אויסלענדישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס קעדיי צו שאַפן געלט־מיטלען אויף איינצוקויפן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַכשירים, בויען הייזער, איינאָרדענען מוסטער־ווירטשאַפטן, אַגראָנאָמישע באַראַטונגס־שטעלעס אאַז״וו. די גרעסטע פון די דאָזיקע הילפס־אָרגאַניזאַציעס איז דער „אַגראָדזשאָינט", אַ געזעלשאַפט וואָס איז אויסגעטיילט דורכן צאָפן־אַמעריקאַנער „דזשאָינט" און אייניקע אַנדערע אַמעריקאַנישע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס.

„אַגראָדזשאָינט" האָט אָפּגעטאָן אַ גרויסע הילפס־אַרבעט אין די יידישע קאָלאָניעס. פון בירעבידזשאַן אָבער געשטאַנען אָן אַ זייט. ערשט 1934 געענדערט זיין באַציאונג אין דער הינזיכט. אין רעזולטאַט דערפון איז געקומען

אַן אונטערזוכונגס=רייזע איבער דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט פון אַ גרופּע „אַגראָדזשאָינט"=טוער: אַגראָנאָם לובאַרסקי, אַגראָנאָם זײַטשיק, יורים=קאָנסולט גראָער, בעראָש מיט ד"ר ראָזען. גלייכצייטיק מיט דער גרופּע איז געפאָרן אַ פאָרשטייער פון מאָסקווער „אָרט"=פאַרבאַנד ד"ר צעגיעלניצקי. נאָך דער רייזע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ גרעסערער באַריכט.

עס שטיצט אויך די „געזערד"=אַרבעט די „אָרט"=צענטראַלע אין פּאַריז (דערהויפּט אויפן געביט פון מעלאָכע). אין 1930 איז דער מאָסקווער „אָרט=פאַרבאַנד" צוגעשטאַנען צום „געזערד". פון 1933 אָנגעהויבן אַרבעטן אין בירעבידזשאַן שטאָט (דער בוי פון אַ פּאַניר=פאַבריק) און אין „וואַלדהיים" (אַ וואַרשטאַט צום אויסאַרבעטן געפלאָכטענע לייכטע מעבל).

פּאַריזער „ייקא" אַרבעט דעריקער אין אוקראַינע און ווערט איצט ליקווידירט.

„איקאָר" (פאַראייניקטע שטאַטן) האָט אויפגעזאַמלט באַדייטנדיקע פאָנדן פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פסס"ר, ספּעציעל פאַר בירעבידזשאַן. געשיקט אַהין אין 1929 אַ גרויסע עקספּעדיציע פון אַמעריקאַנער געלערנטע און פאַכלייט אונטער דער אָנפירונג פון ניו=יאָרקער פּראָפעסאָר האַררים. גיט אַרויס אין ניו=יאָרק אַן אייגענעם זשורנאַל „איקאָר".

אין דאָרעם=אַמעריקע איז טעטיק דער „פּראָקאָר", וואָס איז אין 1931 פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן דורך דער אַרגענטינער רעגירונג, אַרבעט אָבער ווייטער אין אורוגוויי און בראַזיל (אויך געשיקט אַן עקספּעדיציע קיין בירעבידזשאַן אין 1929).

אין בוענאָס-איירעס גייט אַרויס אַ זשורנאַל פאַר קאָלאָניזאַציע-איניאַנים „אידישער פויער".

צאָלרייכע הילפס-אָרגאַניזאַציעס עקסיסטירן אויך אין מיזרעח-אייראָפּע, אין דײַטשלאַנד, עסטרייך און לעטלאַנד (איצט — פאַרבאָטן), ליטע, פראַנקרייך, שוועדן, בעלגיע, דענעמאַרק, פוילן.

אין לעטלאַנד (ריגע) איז דורכן דאָרטיקן „אָסעק" אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ כוידעש-זשורנאַל „גייערד". געזערד-אויסגאַבעס זיינען אויך דערשינען אין דייטשלאַנד (בערלין) און עסטרייך (ווין). נאָכדעם ווי די געזערד-אָרגאַניזאַציעס זיינען דאָרט פאַרבאָטן געוואָרן האָבן אויך אויפגעהערט אַרויסצוגיין די דערמאָנטע אויסגאַבעס.

„פריינד פון געזערד" זיינען אויך דאָ אין פאַלעסטינע און כאַרבין.

אין דאָרעם-אַפריקע איז די הילפס-אַרבעט אַוועקגעשטעלט באַזונדערס שטאַרק אין יאָהאַנעסבורג.

אַ הילפס-אָרגאַניזאַציע פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד איז אויך דאָ אין מעלבורן (אַוסטראַליע). לעצטנס זיינען אַנטשטאַנען נייע הילפס-קאָמיטעטן אין אויסלאַנד.

מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק האָט זיך אָרגאַניזירט אין ניו-יאָרק „דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט צו באַזעצן יידן אין ראַטנפאַרבאַנד". דער קאָמיטעט האָט אין אָנהייב זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַזעצן דאָרט בלויז דייטשע יידן; איצט האָט ער פאַרברייטערט זיין אַרבעט און וועט העלפן קאָלאָניזירן די יידן פון אַנדערע לענדער וואָס גרענעצן מיטן ראַטנפאַרבאַנד.

דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט האָט געשיקט אַ דעלע־גאַציע צום סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע, טראָיאַ־נאָווסקי. די דעלעגאַציע האָט איבערגעגעבן דעם אַמבאַסאַדאָר אַ מעמאָריאַל און דערקלערט די צילן פון „אַמעריקאַנער קאָמיטעט״: צו פאַרלייכטערן דאָס באַזעצן אין ראַטנפאַר־באַנד יידן פון רומעניע, פוילן און דייטשלאַנד.

„דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט צו באַזעצן יידן אין ראַטנפאַרבאַנד״ שטרייכט אונטער, אַז טויזנטער פון אַמערי־קאַנער יידן, געשעפטסלייט און אינטעלעקטועלע, זיינען גרייט צו שטיצן פינאַנציעל דעם קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפן 2 מיליאָן דאָלאַר פאַר דעם צוועק און וואַרט־אָפּ דעם דעפיניטיוון ענטפער פון דער ראַטנרע־גירונג, קעדיי צו שיקן אין ראַטנפאַרבאַנד אַ דעלעגאַציע אויסצואַרבעטן מיט פאַרטרעטער פון דער ראַטנרעגירונג פּראַקטישע פּראָטים פון דער איבערוואַנדערונג, אויסנוצנדיק דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס עקסיסטירט וועגן בירעבידזשאַן און זיינע באַזעצונגס־מיגלעכקייטן.

אויך אין פּאַריז איז ביי אַ גרופּע פון אָנגעזעענע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער אַנטשטאַנען אַ פּלאַן צו באַ־זעצן יידן אין דער יידישער אַויטאָנאָמער געגנט. עס ווערט געפּלאַנט אַרויסצולאָזן אַן האַלוואָע פון 10 מיליאָן דאָלאַר אויף 4—5 פּראָצ׳, קעדיי צו אָרגאַניזירן אַ מאַסן־אַקציע פאַר אויסלענדישע איבערוואַנדערער אין דער אַוטאָנאָמער געגנט.

לויט דער איניציאַטיווע פון קאָפּענהאַגענער „אי־קאָר״ — אַן אַלטע, זינט 8 יאָר טעטיקע אָרגאַניזאַציע — האָט זיך דעם 5טן נאָוועמבער 1934 געגרינדעט אַ הילפס־קאָמיטעט וואָס באַשטייט פון פאַרטרעטער פון דענישע

יידישע האַנטװערקער. דער קאָמיטעט װעט צוזאַמען מיטן „איקאָר" אַרבעטן פאַר דער אױסשטאַטונג אין װעג פון זייערע לאַנדסלייט, איבערװאַנדערער פון פױלן.

*

אין פױלן װערט די הילפס־אַרבעט פאַר בירעבידזשאַן געפירט דורך דעם „אַגראָייד", װאָס איז געגרינדעט געװאָרן אין װאַרשע אין יוני 1934. די געזעלשאַפט פאַרנעמט זיך מיט די פראָבלעמען פון פראָדוקטיװיזירן די יידישע מאַסן אין פױלן, פאָרשט און אונטערשטיצט די אױסװאַנדערונגס־מיגלעכקייטן אין יענע ערטער, װאו דער פראָדוקטיװיזיר־פראָצעס קומט װירקלעך פאָר, באַקעמפט אָבער די עמי־גראַציע־שטרעבונגען אַלס אױסװעג פאַר די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן אין פױלן.

„אַגראָייד" איז אין אַ קורצער צייט אױסגעװאַקסן אין אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע. „אַגראָייד"־געז׳ זיינען פאַראַן אין װאַרשע, װילנע, ביאַליסטאָק, לאָדז, לעמבערג, קראָקע, קאַטאָװיץ און אין אַ ריי אַנדערע שטעט און שטעטלעך. כוץ דער טאָג־טעגלעכער אױפקלערונגס־אַרבעט איז דורכגעפירט גע־װאָרן אַ גרױסע ביכער־זאַמלונג פאַר בירעבידזשאַן, װאָס האָט אַריינגעבראַכט צענדלינגער טױזנטער ביכער. עס זיינען אױך איינגעאָרדנט געװאָרן אַ ריי פייערונגען אין שייכעס מיטן 1טן ראַטן־צוזאַמענפאָר פון דער יידישער אױטאָנאָמער געגנט. עס זיינען פאָרגעקומען עפנטלעכע רעפעראַטן (אין די גרעסערע שטעט פון פױלן) פון גינע מעדעם און אָ. פערל־מאַן, דעם „אַגראָייד"־פאָרשטייער אױפן דריטן „געזערד"־צוזאַמענפאָר אין מאָסקװע. די רעפעראַטן זיינען דורך מיט

גרויס ערפאָלג און אומעטום צוגעצויגן גרויסע מאַסן. לעצטנס האָט אין די אינטערעסן פון „אַגראָייד" דער פאָר־זיצער פון דער געזעלשאַפט אַדוו' מ. סוריק באַזוכט מאָסקווע און איבערגעגעבן מ. קאַלינינען אַ מעמאָריאַל וועגן די איבערוואַנדערונגס־מיגלעכקייטן קיין בירעבידזשאַן פאַר פוילישע יידן.

*

אין וואַרשע גייט אַרויס (פון אַפּריל 1933) אַ כוידעש־זשורנאַל פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע־פראַגן „איבערבוי". דער זשורנאַל ווערט פאַרשפּרייט אין אַ גרויסער צאָל עקזעמ־פּלאַרן אין גאַנצן לאַנד.

אין ווילנע דערשיינט פון צייט צו צייט אַן ענלעכע אויסגאַבע א"נ „אויפבוי".

דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר

יעדע צוויי יאָר קומען פאָר אין ראַטנפאַרבאַנד וואַלן: צו די דאָרפסראַטן, שטאָטראַטן, צו די ראַיאָניקע, געגנטלעכע, קאַנטישע, רעפובליקאַנישע ראַטן־צוזאַמענפאָרן און ענדלעך צום אַלפאַרבאַנדישן ראַטן־צוזאַמענפאָר, וועלכער איז די העכסטע געזעצגעבערישע קערפערשאַפט און אויספיר־אָרגאַן פון דער אַרבעטער־ און פויערים־רעפובליק. דער אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר טיילט פון זיך אויס דעם אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט — אצא״ק — וועלכער איז טעטיק פון איין ראַטן־צוזאַמענפאָר ביזן צווייטן. אין 1934 האָט זיך די וואַל־קאַמפאַניע צו די ראַטן אָנגעהויבן אין דער ערשטער העלפט נאָוועמבער און זיך פאַרצויגן ביז אין דער צווייטער העלפט דעצעמבער. נאָך די לאָקאַלע ראַטן־צוזאַמענפאָרן וועט הייער (באַשטימט אויפן 25 יאַנואַר) פאָרקומען דער 7טער אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר.

דער ערשטער ראַטן־צוזאַמענפאָר פון ביראָבידזשאַן, נאָך דער באַשטימונג פון 7.V.34 וועגן דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט, האָט געזאָלט פאָרקומען אין ערשטן טערמין דעם 11טן דעצעמבער 1934 און איז אָפגעלייגט געוואָרן אויפן דעם 18טן דעם זעלביקן כוידעש.

דער צוזאַמענפאָר איז אָפגעהאַלטן געוואָרן אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן, אין דער געביידע פון טעאַטער. ער האָט געדויערט פון 18טן ביזן 21סטן דעצעמבער 1934.

צום צוזאַמענפאָר זיינען געקומען אַלע הונדערט פראָצענט אויסגעוויילטע דעפוטאַטן — 311 מענטשן. פון דער

צאָל דעלעגאַטן זיינען געווען 160 יידן, 124 רוסן און דער רעשט: קאַרעער, כינעזער און פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן וואָס באַוואוינען די געגנט. די צאָל אָנגעקומענע דעלעגאַציעס און געסט פון דער געגנט, פון גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד און פון אייסלאַנד איז געווען גרעסער ווי מ׳האָט זיך גערעכט. צווישן אַנדערע זיינען געקומען דעלעגאַציעס פון ראַטן=ווייסרוסלאַנד און פון דער טאָטערישער רעפובליק; אַ דעלעגאַציע פון לענינגראַדער אַלטע פראָלעטאַריער בעראָש מיט ווישניעווסקאַיאַ, פאָרזיצערין פון לענינגראַדער „געזערד”; פון איינעם פון די גאַרניזאָנען פון ווייטמיזרעכדיקן קאַנט — אַ רויטאַרמייאישער טייל; פון דער וויסנשאַפטן=אַקאַדעמיע — מיטיניעוו. עס זיינען אויך געקומען דעלעגאַטן פון פאַריז, ניו=יאָרק און אַ ריי אַנדערע.

דעם צוזאַמענפאָר האָט געעפנט דער פאָרזיצער פון אָרגקאָמיטעט פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט, פראָפ' ליבערבערג (אין יידיש). דאָס ערשטע וואָרט איז געווען געווידמעט דעם אָנדענק פון קיראָוון. אין זיין עפענונגס=רעדע האָט ליבערבערג אונטערגעשטראָכן די היסטאָרישע באַדייטונג פון צוזאַמענפאָר און גערעדט וועגן די אויפגאַבעס פון דער געגנט. אויפן גרונט פון דער אָפּעראַטיווער באַשטימונג פון ראַטפאָלקאָם וועלן אין 1935 די אינוועסטיציעס פאַר בירע=בידזשאַן באַטרעפן 35 מיליאָן רובל.

אין פרעזידיום זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 40 מענטשן. אויף די ערשטע ערטער: לאַוורענטיעוו (סעקרעטאַר פון ווייטמיזרעכדיקן קאַנטקאָם), כאַווקין (סעקרעטאַר פון געגנט=פאַרטקאָם), דימאַנשטיין (פאָרשטייער פון אצא״ק און פאָר=זיצער פון צענטראַל=ראַט פון „געזערד”), פון די אָנגעקומענע שרייבער: גאָדינער, האָפשטיין, כאַריק און מאַרקיש. צווישן

די איבעריקע מיטגלידער — פאָרשטייער פון די דעלעגאַציעס, אַרבעטער פון מאָסקווע, לענינגראַד, קיעוו, סטאַלינגראַד, כאַרקאָוו און אוראַל.

אין ערן-פרעזידיום זיינען אויסגעקליבן געוואָרן: סטאַלין, מאָלאָטאָוו, קאַגאַנאָוויטש, קאַלינין, וואָראָשילאָוו, אָרדזשאָניקידזע, קויבישעוו, אַנדרעיעוו, זשדאַנאָוו, קאָסיאָר, בליוכער, טעלמאַן, דימיטראָוו און מאַקסים גאָרקי. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן טעלעגראַפישע באַגריסונגען סטאַלינען, וואָראָשילאָוון און לאַווערענטיעוון.

לאַווערענטיעוו האָט אין זיין רעדע אויפן צוזאַמענפאָר דערמאָנט קאַלינינס טערמין פאַר שאַפן פון דער נעגנט אַ יידישע נאַציאָנאַלע רעפּובליק און ערקלערט: „מיר דאַרפן באַווייזן דעם דאָזיקן טערמין צו פאַרקירצן. מען דאַרף שאַפן אַ גרויסע אינדוסטריע, אַ פעסטע לאַנדווירטשאַפט, ברייט פונאַנדערוויקלען די שאַפונג פון דער סאָציאַליסטישער יידישער קולטור. די באָלשעוויקעס פון ווייט-מיזרעכדיקן קאַנט וועלן זיך ערלעך שלאָגן פאַר אַ שנעלן אויפבוי פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט".

באַוווקין האָט אָנגעזאָגט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין די אַרבעטסמעטאָדן, ווייל די ביזאיצטיקע האָבן געבראַכט צו אַן אומדערלאָזלעכן אָפּפלוס פון די איבערוואַנדערער.

גערטשיקאָוו — שעף פון לאַנדווירטשאַפטלעכן אַמט פון ווייטן מיזרעך — לייענט אַ באַריכט פון ווייטמיזרעכדיקן אויספיר-קאָמיטעט.

פּערעץ מאַרקיש האַלט אַ הייסע רעדע וועגן די אויפגאַבעס פון די שרייבער צו ווערן טשעליוסקיניאַנער אין דער ליטעראַטור. די יידישע שרייבער — רופט אויס מאַרקיש —

דאַרפן שליסן אַ געווער מיט די בויער פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט.

מיט רעדעס טרעטן נאָך אַרויס: ש. דימאַנשטיין — אין נאָמען פון אַלפאַרבאַנדישן צא״ק און „קאָמערד״; איזי כאַריק — אין נאָמען פון דער רעגירונג פון ווייסרוסלאַנד, וועלכער פאַרזיכערט, אַז „דאָס זיגרייכע, ווידעראויפגעלעבטע ראַטן-ווייסרוסלאַנד וועט פאַרשטאַרקן די ברידערלעכע הילף דער סאָציאַליסטישער בויאונג פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט״; אפרים שפראַך — אין נאָמען פון מאָסקווער „עמעס״; ראָבי — קאָמאַנדיר פון אַ פאַראייניקונג — נעמט אַ וואָרט אין נאָמען פון דער. באַזונדערער רויטפאָני-קער ווייטמיזרעכדיקער אַרמיי פאַר אַ ראַפּאָרט (אין יידיש); עס ראַפּאָרטירן דער פליער-באַשטאַנד פון אַוויאָ-רינג פון כאַבאַראָווסקער אַעראָקלוב און אַ רויטאַרמייאישער טייל; מיט באַגריסונגס-רעדעס טרעטן אויך אַרויס דער פאָרשטייער פון „איקאָר״, עפשטיין און א. שטיין פון דער פאַריזער „נייער פרעסע״. אַן אַרבעטער פון אַ ציגל-פאַבריק באַגריסט אין דער קאָרעישער שפראַך.

אַלע שריפטלעכע און מונדלעכע באַגריסונגען באַטאָ-נען די ערשטע דערפאָלגן און דערגרייכונגען און אונטער-שטרייכן דעם אונטערשייד צווישן דער לאַגע פון דער יידישער מינדערהייט אונטער דער צאַרישער הערשאַפט און איצט, אַנדערשוואו און אין ראַטנפאַרבאַנד.

אין דער דיסקוסיע איבער די באַריכטן און פלענער פון ווייטערדיקער אַרבעט האָבן זיך באַטייליקט דאָס ראָוו דעלעגאַטן פון די ראַיאָנען פון בירעבידזשאַן.

אין שלום-וואָרט האָט ליבערבערג געזאָגט, אַז „דער קומעדיקער יאָר וועט פאַר אונז זיין אַ שטורעמיאָר. איצט

פאָדערט זיך בלויז איין זאַך — פאַרקאַשערן די אַרבל און נעמען זיך צו דער אַרבעט צו באַהערשן די טײַגע, צו שאַפן אַ מעכטיקע יידישע אווטאָנאָמע געגנט, וואָס זאָל מיט דער צייט איבערגיין צו אַ העכערער פאָרם פון מעלוכישקייט — צו אַ יידישער אַווטאָנאָמער רעפּובליק".

אָנשטאָט אַ רעזאָלוציע האָט דער צוזאַמענפאָר באַשלאָסן דעם טעקסט פון אַן אויפרוף צו דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פון בירעבידזשאַן וועגן אַ קאָנקרעטן אַרבעטס־פּלאַן.

אין (ערשטן) געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט זיינען געוויילט געוואָרן 39 מאַן, צווישן זיי קאַלינין, לאַווורענטיעוו, קרוטאָוו, גערטשיקאָוו, דימאַנשטיין, כאַווקין, ליבערבערג, אַנשין און אַנדערע, דאָס ראָוו שלאָגלער־אַרבעטער פון די קאָלווירטן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אַלס פאָרזיצער—ליבערבערג.

צום ווייטמיזרעכדיקן ראַטן־צוזאַמענפאָר זיינען געוויילט געוואָרן 29 דעלעגאַטן.

צום אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר זיינען געוויילט געוואָרן צוויי דעלעגאַטן: פּראָפ. ליבערבערג און כאַווקין. דער לעצטער איז אויך געוויילט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט אין ראַט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

*

דער צוזאַמענפאָר האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד. די סאָוועטישע פּרעסע האָט דעם צוזאַמענפאָר געווידמעט אַ סך אָרט, געדרוקט

אויספירלעכע באַריכטן און בילדער פון דער געגנט. די ייִדיש-סאָוועטישע פּרעסע איז קימאַט אינגאַנצן געווען פול מיטן צוזאַמענפאָר און בירעבידזשאַן. די בירעבידזשאַנער צייטונגען זיינען אַרויס אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט. צום צוזאַמענפאָר זיינען אָנגעקומען צענדלינגער טעלעגראַפישע באַגריסונגען פון נאַציאָנאַליטעטן-ראַט, פון די אויספירקאָמיטעטן און פאָלקאָמראַטן פון אַלע לענדער פון ראַטנפאַרבאַנד, פון אַ ריי אָרגאַניזאַציעס און פירנדיקע סאָוועטישע פערזענלעכקייטן. דער קאָמאַנדיר פון דער ווייטמיזרעכדיקער רויטער אַרמיי בליוכער האָט אין זיין באַגריסונג געשיקט אַ „שלאַכטגרוס אין נאָמען פון אַלע קריגער, קאָמאַנדירן און פּאָליטישע טוער" און געשריבן, אַז „די העראָישע פּיאָנערן פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט וועלן זיכער פאַרוואַנדלען די ווילדע טײַגע-ווינקעלעך אין איינעם פון די קולטורעלסטע צענטערס פונעם ווייטן מיזרעך".

באַגריסונגען פון אויסלאַנד זיינען אָנגעקומען פון וואַרשע („אַגראָייד", „פריינד", טעקסטילער-פאַראיין), ניו-יאָרק, לאָס-אַנדזשעלעס, מאָנטעווידעאָ, יאָהאַנעסבורג א"אַנד.

צום צוזאַמענפאָר זיינען אויך אָנגעקומען אַ סאַך ווערטפולע מאַטאָנעס. אויף אַ באַזונדער פייערלעכן אויפן איז איבערגעגעבן געוואָרן די מאַטאָנע פון מאָסקווער זאַוואָד א"נ פון מענזשינסקי — דער אַעראָפּלאַן A2 (די בירעבידזשאַנער ציווילע אַוויאַציע איז די סאַמע בעסטע אויפן ווייטן מיזרעך; אייניקע מאָל פרעמירט געוואָרן פאַר איר מוסטערהאַפטער אַרבעט).

די „פאַרבאַנד-קינאָכראָניק" האָט זיך צום צוזאַמענפאָר אָפּגערופן מיט אַ פילם „בירעבידזשאַן", וואָס איז דעמאָנסטרירט געוואָרן דורכן „וואָקס" (געז' פאַר קולטו-

רעלער דערנעענטערונג מיט אויסלאַנד) פאַר אַלע אויס־לענדישע קאָרעספאָנדענטן אין מאָסקווע. דער פילם איז רעזשיסירט דורך מ. סלוצקי, אָפּעראַטאָר: ס. גיפנער, מוזיק: ל. פולווער.

דער צוזאַמענפאָר איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן ראַדיאָ איבער דער געגנט און פאַר כאַבאַראָווסק.

ביבליאָגראַפיע

אַלבערטאָן, מ. ביראָ־בידזשאַן. וועג־אײַנ־דרוקן. כאַרקאָוו: מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע, 1929. 248 ז׳. 3000 עקז׳.

—, —. ביראָ־בידזשאַן (2טע אויסגעבעסערטע אויפ־לאַגע). מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק: צענטרפאַרלאַג, אַלאוקראַינישע אָפּטיילונג. 1931. 269, III ז׳. 3000 עקז׳ [דריטע אויפלאַגע — 1934].

באַריכט פון דער אַמעריקאַנער איקאָר־עקספּערטן־קאָמיסיע צוגעשטעלט דעם „איקאָר״. ניו־יאָרק: „איקאָר״ 1930. 111 ז׳.

בירע (Бира). בירעבידזשאַן: „געזערד״־פאָרשטייערשאַפט באַם בירעבידזשאַנער רייאויספּירקאָם 1932. 8 ז׳ (סעריע — בירע־בידזשאַנער איבערוואַנדערונג־ערטער נומ׳ 1).

בירעבידזשאַן (זאַמלונג פון מאַטעריאַלן און דאָקומענטן). געזעלשאַפט פאַרן אײַנאָרדענען אַף ערד אַרבעטנדיקע יידן אין פססר („געזערד״). מאָסקווע: פ׳ „עמעס״ 1932. 44, II ז׳.

בערגעלסאָן, ד. בירעבידזשאַנער. דערציילונג. מאָסקווע: פאַרלאַג „עמעס״ 1934. 276, I ז׳. 10 000 עקז׳.

גאָלדשטיין, מ. בירעבידזשאַנער אַפּגאַמור. דערציילונג. מאָסקווע: פאַרלאַג „עמעס״ 1934. 98, I ז׳. 2000 עקז׳.

צונויפגעשטעלט לויט די מאַטעריאַלן פון דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע ביים יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

די ביבליאָגראַפיע נעמט ניט ארום אַלע ביכער און בראָשורן װאָס זיינען דערשינען וועגן בירעבידזשאַן. ס׳איז אויך אויסגעבליבן די גרויסע ליטעראַטור, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער פעריאָדישער פרעסע.

די ביכער וואָס מיר האָבן ניט געזען זיינען באַצייכנט מיט א*.

דאווידמאן, שלוימע. ביראָ־בידזשאַן. מייַסעלע. דעטרויט, מיש׳: ארויסגעגעבן פון איקאָר־קאָמיטעט [1931]. 7 ז׳.

דובראָוויצקי, מוישע. 20 טעג אין ביראָ־בידזשאַן. מינסק: מעלוכע־פארלאַג פון ווייסרוסלאַנד, יידסעקטער 1932. 77, II ז׳.

* —, —, וו. ס. ר. — אַשעס פון ביראָבידזשאַן. מינסק: 1933.

דימאַנשטיין, ש. די יידישע אווטאָנאָמע געגנט — אַ קינד פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. מאָסקווע: פ׳ „עמעס" 1934. 56 ז׳, 5000 עקז׳.

דרויאַנאָוו, מ. וועגן ביראָבידזשאַן (פאַר איבערוואַנדערער). מינסק: מ. פ. וו. נאַצסעקטער 1934. 22 ז׳ (צענטראַל־ראַט געזערד). 5000 עקז׳.

—, —. די יידישע אווטאָנאָמע געגנט (ביראָ־בידזשאַן). מאָסקווע: פ׳ „עמעס" 1934. 64 ז׳.

וו,יט, ל. ע. ביראָבידזשאַן. מאָסקווע: אויסגאַבע פון דער צענטר. פארוואַלטונג פון „געזערד" 1929. 32 ז׳. 5000 עקז.

טאַלמי, ל. אויף רויער ערד. מיט דער איקאָר־עקספּעדיציע אין ביראָבידזשאַן. ניו־יאָרק: „פרייהייט" בוכהאַנדלונג און פאַרלאַג 1931. 258 ז׳. מיט אַ מאַפּע פון ביראָ־בידזשאַנער ראַיאָן.

לאָנדאָקאָ (Лондоко). ביראָבידזשאַן: „געזערד"־פאָרשטייערשאַפט באַם ביראָבידזשאַנער ריי־אויספּירקאָם 1932. 8 ז׳ (סעריע — ביראָבידזשאַנער איבערוואַנדערונג־ערטער נומ׳ 2).

לייבמאַן (לעוו), א. קאָמונע „איקאָר". פּיאָנערן־קאָמונאַרן אָפּן פראָנט פון בויען דעם סאָציאַליס־טישן ביראָבידזשאַן. מינסק: מעלוכע־פאַרלאַג פון ווייסרוסלאַנד יידסעקטער 1934. 66 ז׳. 3000 עקז׳.

לעווין, יאַנקל. ווי אַזוי קען מען איבערוואַנדערן אין קרים און ביראָבידזשאַן. מאָסקווע: פאַרלאַג „עמעס״ 1930. 14 ז׳. 15.000 עקז׳.

מערעזשין, א. וואָס איז אַזוינס ביראָ־בידזשאַן. מאָסקווע: אויסגאַבע פון צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון „געזערד״ 1930. 96 ז׳. 3000 עקז׳.

—, —. וועגן ביראָ־בידזשאַן. מיט אַ בייגעלייגטער קאַרטע. קיעוו: פאַרלאַג „קולטור־ליגע״ 1929. 72 ז׳. 5000 עקז׳ [די זעלבע בראָשור דערשינען אויך אין רוסיש].

נאַטאַנזאָן, נ. אַלאַנד אינ רישטעוואַניעס (פאַרצייכענונגענ פונ ביראָבידזשאַנער ראַיאָנ, ווינטער 1932). מאָסקווע: פ׳ „עמעס״ 1932. 80 ז׳.

סודאַרסקי, א. ביראָ־בידזשאַן און פּאַלעסטינע. כאַרקאָוו: צענטרפאַרלאַג 1929. 52, I ז׳. 5000 עקז׳.

* **—, —.** בירעבידזשאַנ. כאַרקאָוו: 1933.

פּערעלמאַן, אַ. ביראָבידזשאַן. שילדערונגען פון אַ רייזע אין יולי — אויגוסט 1934. מיט אַ מאַפּע. וואַרשע: פ׳ „גראָשן־ביבליאָטעק״ 1934. 256 ז׳ („גראָשן־ביבליאָטעק״ ב׳ 186 — 189).

פינק, וויקטאָר. אין ביראָ־בידזשאַנער טייגעס. וואַרשע: פאַרלאַג „איבערבוי״ [1933]. 46 ז׳.

* **—, —.** „די נייע היים״. אַ פּיעסע פון בירעבידזשאַנער לעבן [רוסיש].

פּראַגמענט פון איבערוואַנדערונג אפנ 4טנ פאַרייניקטנ פלענומ פונ בירעבידזשאַנער רציקאָמ אונ רציק״ק אָל. ק. פּ. (ב) (יולי 1933 יאַר). בירעבידזשאַנ: בירעבידזשאַנער פאַרלאַג, אָפּטייל באַמ וו. מ. מ. פּ. 1933, 40 ז׳, 120+1380 עקז׳.

* קאָביק, ג. [אַ ווייסרוסישער שרייבער. געפינט זיך זינט אַ פּאָר יאָר אין בירעבידזשאַן. אָנגעשריבן אַ פּיעסע פון בירעבידזשאַנער לעבן].

קאַדישעוויטש, מ. בירעבידזשאַן היינט. איינציקע קורצע ידיעס און פאַקטן. מאָסקווע: Изд. „Озет“ [1931]. 16 ז׳. 40.000 עקז׳.

—, —. בירעבידזשאַן היינט. וויניצע: וויניצער ראַיאָנישע געזערד־אָפּטיילונג 1931. 15 ז׳. 3000 עקז׳. פּרייז 5 קאָפּ׳.

—, —. בירעבידזשאַן היינט. קורצע ידיעס וועגן בירעבידזשאַן צום 1932 יאָר און פּראַקטישע אָנווייזונגען וועגן איבערוואַנדערן אַהין. דריטע פאַרבעסערטע און אינגאַנצן איבערגעאַרבעטע אויפלאַגע מיט אַ קאַרטע פון בירעבידזשאַן. מאָסקווע: פ׳ „עמעס“ 1932. 116, IV ז׳. 500 עקז׳. 1 רובל.

—, —. בירעבידזשאַן היינט. צווייטע אויפלאַגע. אַרויסגעגעבן פון „איקאָר“. ניו־יאָרק: 1932. 15 ז׳ (איקאָר־ביבליאָטעק נומער 2).

—, —. די סאָציאַליסטישע בויונג אין בירא־בידזשאַן פאָדערט! מאָסקווע: פאַרלאַג „עמעס“ 1932. 8 ז׳. 10.000 עקז׳.

קאָזאַקעוויטש, עמאַנועל. בירעבידזשאַנבוי. לידער. שט. בירעבידזשאַן: דרוקעריי פון דאַלפאַליגראַפטרעסט 1932. ז׳ 11. 3000 עקז׳. פּרייז 75 ק׳.

קאַנטאָראָוויטש, א. בירעבידזשאַן אין איצטיקן מאָמענט. מאָסקווע: פאַרלאַג „עמעס“ 1933. 38 ז׳. 3000 עקז׳ (אַלפאַרבאַנדישע געזעלשאַפט פאַר איינאָרדענען אַרבעטנדיקע יידן אַף ערד „געזערד“ צענטראַל־ראַט).

שאַך־אַנין, מ. בירא־בידזשאַן. נעכטן — היינט — מאָרגן. וואַרשע: פאַרלאַג „איבערבוי“ 1933. 96 ז׳ [מיט אַ מאַפּע].

Биробиджан. Москва: Изд-во „Эмес“ 1932. 33 стр.

Блоштейн, Г. Биробиджанские зарисовки (перевод с еврейского). Москва: Издательство „Эмес“ 1934. 48 стр.

Брук, Б. Л., проф. Биробиджан. С географической картой района и 7 фотографиями. Москва: Издание центрального правления „Озета“ 1928. 67 стр.

—, —. Предварительный сводный отчет экспедиции (Бирско-Биджанский Район Дальне-Восточного Края. Труды экспедиции 1927 г. Под редакцией проф. В. Р. Вильямса. Выпуск I). Москва: Комзет 1928. 115, 1 стр.

Ванеев, Е. И. Биро-Биджан. Историческая справка. География. Природные богатства. Пути сообщения. Население. Хозяйство. Колонизация (Благовещенск). Огиз. Дальневосточное краевое отделение (1931). 85 стр. 1 карта.

Диманштейн, С. М. Еврейская автономная область — детище октябрьской революции. Москва: Издательство „Эмес“ 1934. 28 стр.

Иозефович, Л. И. Физические свойства и агро-генетическая классификация почв биробиджанского района ДВК. Хабаровск: Дальгиз 1931. 42 стр.

Игошин, В. А. Доктор, Кирин, И. Ф. Доктор. Курорт „Кульдур“. Биро-Биджан: 1931. 48 стр.

Кобленц, Б. Валдгейм. Москва: Издательство „Эмес“ 1934. 20 стр.

Кадышевич, М. Биробиджан — страна больших возможностей. Дополненный перевод с еврейского М. Брегман, Москва: Издание ЦС „Озет" 1931. 39 стр.

Кирпениц, А. Бирефельд. Казань: Издание Тат. Озет. Татгосиздат, сектор технической и общей литературы 1934. 23 стр.

Левин, Я. Год роботы в Биробиджане. Отчет Виробиджанского Райкома В. К. П. (б) на II-й райпартконференции 25-го сентября 1931 года. Биробиджан: Издание „Биробиджанской Звезды" 1931. 16 стр.

Мережин, А. Что такое Биро-Биджан. Москва: Издание ЦП Озет 1929. 99 стр.

Некоторые данные по обследованию Биро-Биджанского района Дальневосточного Края (По предварительному отчету экспедиции Комзет'а проф. Б. Л. Брука). Одесса: 1928. 24 стр.

О Биробиджане. Сборник статей ленинградских профессоров. Ленинград: Издание Ленозет 1929. 37 стр.

Отчет экспертов. Доклад американской комиссии „Икор" по изучению Биробиджана (перевод с английского). Москва: Издание Центрального Правления Озет 1930. 72 стр.

* Финк, Виктор. Евреи в тайге. Москва: Госиздат 1930.

Эйдельман, Е. От „черты оседлости" до автономной области. Москва: Издание центрального правления Озет 1934. 16 стр.

Brzeski, Karol. Biro-Bidżan. Państwo żydowskie na dalekim wschodzie. Baśń czy rzeczywistość? Warszawa: Wydawnictwo Popularno-Oświatowe 1934. 64 str.

* Heller, Otto. Der Untergang des Judentums. Wien—Berlin: Verlag für Literatur und Politik 1931.

* —, —. Der Untergang des Judentums. Wien—Berlin: Verlag für Literatur und Politik. 1932.
[צווייטע איפלאַגע].

—, —. Zmierzch żydostwa. Warszawa: Wydawnictwo M. Fruchtmana 1934. 391 str.
[ז' 273—288 און פֿון 345—386 וועגן בירעבידזשאַן].

צוגאָבן:

Калинин, М. И. Об образовании еврейской автономной области. Из записи беседы председателя ЦИК СССР .т Михаила Ивановича Калинина с делегацией рабочих московских предприятий и работниками еврейской печати. Москва: Издательство „Эмес" 1934. 23 стр.

Отчет Экспедиции Комзета 1927 года по обследованию Биробиджанского района дальневосточного края (Биробиджан). Выпуск II. Под редакцией профессора В. Р. Вильямса. Москва: Издание Комзета 1930. 264 стр.
אינהאַלט: Проф. В. Р. Вильямс — Отчет по маршрутному почвенному обследованию. Проф. М. Партальский — Климатический очерк Биробиджанского района в сельско-хозяйственном отношении. Проф. Б. Л. Брук — Казачье и корейское хозяйство в приамурской полосе Биробиджана. Геолком ДВК — Полезные ископаемые по территории Биробиджана. Приложения: 1. Схематическая почвенная карта. 2. Карта метереологических станций в Биробиджане. 3. Карта Малохинганского золотоносного района. 4. Карта месторождений строительных материялов.
[דעם ערשטן בוך פֿון דער סעריע זע: Брук — Биробиджан].

אינהאלט

זייט

פאָרוואָרט 3

I אַלץ העכער, העכער און העכער

א ביסל געשיכטע 6

דאָקומענטן און באריכטן 11

II דער סייכל פון בירעבידזשאַן

אויסצוגן פון מ. קאַלינין, ש. דימאַנשטיין, מ. סעמע, מ. אַנין, גינע מעדעם, אָטאָ העלער, אָ. פרעסמאַן און מאַקסים גאָרקי 22

III בירעבידזשאַן גופא

די געגנט — אירע אַלטע און נייע איינוואוינער . . . 34

די טעריטאָריע 39

דער באָדן 41

אויצרעס אין דער ערד 43

די ראַיאָנירונג פון דער געגנט 44

בירעבידזשאַן — שטאָט 45

אַלטע און נייע קאָלווירטן 47

ראַטעווירטן 51

אינדוסטריע 53

די געווערב־קאָאָפעראַציע 56

דער האַנדל 58

בילדונג און היילונג 58

IV	בירעבידזשאַן אין דער ליטעראַטור	זײַט
	נאָך אינדערהיים אָדער אַ האַקדאָמע (מ. אַלבערטאָן)	62
	זאַקס גראַבט אַ ברונעם (ד. בערגעלסאָן)	69
	זיבעציק פּוד היי (מ. גאָלדשטײַן)	77
	בירעבידזשאַן (ד. האָפשטיין)	85
	טיכאָנקע—בירעבידזשאַן, צו שאַנד די אַנטליפער, קאָרעישע נאָװעלע, סטאַלינפעלדער דירעקטאָרן (ע. קאַזאַקעװיטש)	88
	אין קאָלווירט „וואַלדהיים" (אַ. פּערלמאַן)	97
	אָן אַ ראַוו און אָן אַ קלויז	102
V	הילף פאַר בירעבידזשאַן	110
VI	דער ערשטער צוזאַמענפאָר	116
VII	ביבליאָגראַפיע	124

דרוק־פעלערן.

	אַנשטאָט	דאַרף זײַן
זײַט 41 שורה 12 פון אויבן	און	אין
„ 45 „ 2 „ „	מיכאַילאָ־סעמיאָקאַװסק	מיכאַילאָ־סעמיאָנאָװסק
„ 51 „ 13 „ „	בעזשניאַװקע	דעזשניאַװקע
„ 113 „ 15 „ „	קאַטאָװיץ	טשענסטאָכאָװ